STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00001

LIDER

Malka Heifetz Tussman

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Faith C. Walsh, M.D.

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה חפץ טוזמאַן

לידער

COPYRIGHT 1949 BY
MALKA HEIFETZ-TUSSMAN
LOS ANGELES, CALIF.
PRINTED IN U.S.A.

אַרויסגעגעבן פון . . . . .
מלכה חפץ־טוזמאַן בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס . . . קאַליפאָרניע

74

מיינע יאָרן

מ י י נ ע י אָ כ ן

ווײ צו מיר!
כ׳טראָג הויך מײן קאָפּ
קענען די וואָס איך האָב ליב
מיך ניט דערלאַנגען.

ווײ צו מיר!
אויף אַלע ווענן זע איך מײנע אונטערדריקטע.
אויף אַלע פּלײצעס ליגן מײנע יאָכן.
צי איך אוים די הענט און לויף זײ נאָך
מיט הויכן קאָפּ און
הויכע קנאַפּל . . .

ווײ צו מיר!
אַז איך אַלײן בין בלײך און דין,
איז גענוג פאַר מיר אַ ביסן ברויט
און שטאָף צו צודעקן דאָס לײב
אַ פּאָר אַרשין.
וואָס־זשע טראָגן דאָס אַזוי פיל פּלײצעס
מײנע יאָכן?

ווײ איז צו מײן הויכן קאָפּ און
הויכע קנאַפּל!

צו דיר מרים

צו דיר מרים הנביאה,
צו דיין געזאנג,
צו דיינע טאנצנדיקע פיס וואס האבן פריידיק געבלוטיקט
אויף מדבר־זאמד
גייט אוים מיין הארץ אין קנאה
און אין בענקשאפט נאכאנאנד.

דו האסט געזונגען אין א צייט
ווען גאט געווען איז א גערעכטער,
איז וואונדערלעך געווען צו פירן אין א קדושה־טאנץ
ישראלס טעכטער.

מיט וואס זאל איך די פרויען פון מיין דור דערפרייען
און דערהויבן?
ס'וואכט נימ מער קיין אויג קיין ליכטיקס איבער אונדז,
נישטא קיין רחמים אויבן.

מיט זיין רעכטער האנט האט גאט דער האר
פאר אונדז געעפנט אומקום־תהומען.
דאך הער און שטוין, א מרים,
פון טיפן אפגרונט ארוים ברעכט זיך ווי א בליץ
א שבח זיין ליבן נאמען.

און ס'איז נאך פאראן א שבת־טיש אין אונדזער חושך
נאר ס'צאנקט און לעשט זיך שוין די קדושה.
ס'טוקן זיך די פלעמלעך פון די ליכט
אין בושה.

און שטראָפער ט'ער נאָך אָנגעשיקט אויף אונדז
וואָס מוסרן מיט בייטשנדיקע צונגען.
חטאים זוכן זיי אויף אונדז.
מיר זאָלן תשובה טאָן, באַפעלן אונדז גאָטס ווארילע יונגען.

נאָר איך, אַ דיכטערן, מיין שוועסטער, וועל זיך ווערן.
— פאַרגיב מיין מוט . . .
איך נעם גאָטס צאָרן מער ניט אָן
פאַר וואויל און גוט.

ווער בין איך, וועסטו פרעגן.
ווער בין איך וואָס זאָל מאָנען און זיך שטעלן קעגן אים?
ניט פרעג מיין רעכט אָפּ, מרים.
מיין יחוס איז אַ פאָלק מאַרטירער און
איך האָב מיין צלם אלוקים.

נאָך מער —
איך טו אים נאָך פאַרקלאָגן.
איך שטעל זיך קעגן אים און קלאָג אים אָן
צו זיינע צען געבאָט.

פון אונדזער וויסטן הפקר האָט ער פאַרמיטן
זיין באַראָט.
און נישטאָ אינערגעץ ניט קיין אָנדייט,
אינערגעץ ניט קיין סימן אויף אַ גואל.

איך באַשווער!
ניט צינדן מער זאָל לעצטער אָטעם־צי דעם פאַקל
„שמע ישראל"
שטום, מיט גאַל
זאָל זיין
דער לעצטער פאַל.

1945

וואָס זאָל איך זיי דערציילן

צו מיינע תלמידים

ניט אין הענט וואָס ברעכן שטיין,
ניט אין הענט וואָס קנעטן ליים
איז די ברכה מיר געגעבן.

ניט אין הענט וואָס בייגן שטאָל,
ניט אין הענט וואָס וועבן וואָל
איז די ברכה מיר געגעבן.

כ׳בין פון צאַרטע, בלאַסע טרוימער־לייט געבאָרן
איז דער ציטער פונם אות
מיר צוגעטיילט געוואָרן.

אין מיין גאַנצן בוים פון דורות
ניט געפינען איז
אַ קרוב ערגעץ אַ געשמד׳טן.
— גאָט, ייד און מענטש —
באַהויכט האָבן די ליפּן פון מיין טאַטן.
ליכט און פרייהייט
האָט ער אויף אַ מאָדנער שפּראַך געדרש׳נט,
און איך
אותיות מאָדנע האָב פון אים געירש׳נט.

טראַג איך אום די אותיות די מאָדנע
און לערן קינדערלעך אַזוי:
פון למד מאַכט אַ לאָפּעטע,
פון קוף אַ קאַטשערע
און שטעלט זיי ביי די טירן אוים און וואַרט.
נאָכדעם נעמט דעם בית און
קנעט זיך אוים אַ ברויט
אויפצוהאַלטן ס'לעבן און די נויט.
זיין
איז אַ זיפץ פון אַך און וויי
— ווער האָט דעם גורל אונדזערן
באַשערט אַזוי!
און אויגן הייבט זיך אָן
מיט אַ שטומן אַלף —
גרוים און שטום און שטאַר
— אַ שווייגער איז אַ נאַר!
נאָר ליפּן ציטערן ביים חית
וואָס רייסט זיך צו זיין
חלף.

וואו נעמט מען מוט, וואו נעמט מען דרייסט
צו שטעלן זיך אַנטקעגן טאַטנס גייסט
וואָס מאָנט:
אַלץ איז גוט,
מענטש איז נס
און חלום איז גאָר חית
ניט, חס ושלום, חלף,
און ניט פאַרבלוטיקן זאָל איך
אָנכי'ס אַלף!

און דאָ,
די אויגעלעך די קינדערשע,
ווי ליכטיק טרויעריק זיי בעטן
מעשהלעך פון פייגעלעך,
פון קיכעלעך און בייגעלעך און
פּאַלאַצן פון קרישטאָל.

הייב איך ווידער אָן מיט ציטער אין מיין קול:
— איר זאָלט, קינדערלעך, נים גלויבן
אַז שטיינער פליען דורך די שויבן.
נים גלויבט — מיר ווערן אומגעיאָגט און
אומגעטריבן.
מיר האָבן גאָר אַליין
דעם וועג פון וואָגל אויסגעקליבן.

ס׳האָבן קינדערלעך פאַרשייטע
זיך אַליין צום טויט פאַרשמיסן.
און אַ ייד, אַ גרויסער כעסן
האָט די באָרד אַליין זיך אויסגעריסן.
בעטל-ברויט און געלע לאַטע,
צלם-שרעק אין אויגן מאַטע,
פּים אין קייטן, האָלדז אין שטריק —
אַן אויסגעטראַכט טעאַטער-שטיק.

ווי וואָלט איך מיט די שמאָלע פּלייצעס מיינע
די קינדערלעך די יידישע פאַרשטעלט,
אַז אויסגעמיטן זאָל זיי ווערן
אַל דאָס בייזע פון דער וועלט.
אויסגעמיטן זאָל זיי ווערן,
אַז פעי איז פלאָם און פייער —
קיינעם איז אַ יידיש לעבן טייער.
אויסגעמיטן זאָל זיי ווערן,
אַז העי איז האַק און
שין איז שווערד,
און טעס איז טויט
און בלוט איז
מער ווי רויט,
אוי, מער ווי רויט.

ליכט און פרייהייט האָט מיין טאַטע
אויף אַ מאָדנער שפּראַך געדרשנ'ט.
איך ווייס שוין באַלד ניט וואָס צו טאָן
מיט דעם
וואָס כ'האָב פון אים געירש'נט.

מיט ציין אין ערד

מיין באַק אויף דער ערד
און איך וויים פאַרוואָס גנאָד.

מיט ליפּן צו דער ערד
און איך וויים פאַרוואָס ליבע.

מיטן נאָז אין ערד
ווייס איך פאַרוואָס גנבה.

מיט ציין אין ערד
ווייס איך פאַרוואָס
מאָרד.

וואָס זשע זיינען ווערטער
אין פאַרגלייך
מיט צוויי אין ערד?
וואָס איז געשריי
אין פאַרגלייך
מיט צוויי אין ערד?

און גאָרניט איז גענוג,
און גאָרניט איז שוין
און קיינמאָל איז גאָרניט אַזוי
אַט אַזוי.

איז קלאָר מיר געווי,
ווייס איך פאַרוואָס
דער מענטש
וואָס גראָבט מיט ציין די ערד
און דער
וואָס רייסט זיך פון דער ערד
וועט אַלע מאָל,
אוי אַלע מאָל
דאַרפן וויינען איבער זיך.

צו אַ יידישן בנין

ס'האָבן יידן אַ הייפעלע,
אַ מנין
פֿאַרטראַכט און
אויפֿגעשטעלט אַ בנין.
געמיט זיך און געגראָבן פֿרום,
געבענטשט דאָס ערשטע רידל ערד,
דעם ערשטן שטיין געלייגט מיט ציטערדיקע הענט —
צי וועלן זיין אַ שוץ אונדז אָט די נייע ווענט?

— געהייליקט זאָלן זיין די ווינקלען פֿיר
און דער באַלקן וואָס וועט רוען איבער אונדזער טיר,
וועלכע ס'וועלן עפֿענען די קינדער אונדזערע
און פֿריי,
אָן מורא
וועלן זיי אַהערצו קומען לערנען תּורה.

און ס'זאָל דער דאַך דער נייער
מיט די פיין געטאָקטע שפּיצן
דאָס וואָרט דאָס יידישע דאָ שיצן,
דאָס וואָרט דאָס יידישע דאָ שיצן.

— ווער רעדט דאָרט פון אַ דאַך אַ נייעם —
האָט דער דאַך צעשטראַלט זיך מילד און זוניק
און צעלאַכט זיך:
גלויבט ניט אַזאַ זאַך —
ס'האָט קיינמאָל ניט אַ יידיש הויז אַ נייעם דאַך.
ניי זיינען בלויז די פליגל.
יאָ, אַ דאַך אַ יידישער האָט פליגל.
אַ דאַך אַ יידישער מוז קענען פליען.
אייביק פליען.
ס'האָבן יידן אינערגעץ ניט קיין זאַך
חוץ מיך,
דעם פליענדיקן דאַך.

דאָס וואָרט דאָס יידישע וואָס האָט אונטער מיר געשאַלט,
יידיש מוט
וואָס האָט אונטער מיר געשטראַלט
האָט פליגל מיר געשמידן
פלי איך נאָך די יידן,
מיינע וואָגלענדיקע יידן.

געלעגן בין איך אומעטום און איבעראַל:
אַף שולן פון שפּאַניע, אַמסטערדאַם און פּאָרטוגאַל.
און אין דער שטאָט פון מהר״ל.
אומעטום און איבעראַל.

יעצט קום איך אָן פון
דייטשן־לאַנד,
פון פוילן־לאַנד,
וואו מענטש צו שאַנד,
וואו וועלט צו שאַנד,
וואו גאָט צו שאַנד.
אָט אַזוי־אָ נאָכאַנאַנד
יאָגט מיך יידיש בראָך און וויי
און אָט בין איך אין יו־עס־עי.
אין יו־עס־עי.
שטעלן יידן אויף אַ בנין
דעק איך צו.
אַ נייע וויגעלע פאַר תורה
וויי־לו־לו.

הויב איך אויף אַ קול אַ גליענדיקן
צו דעם דאַך דעם פליענדיקן —
דעם קול פון טאַטע־מאַמע יידישע
און שריי:
דאָס גאָר?!
צי האָבן מיר דערצו געדאַרפט געבוירן
נאָך אַ דור?!

רויך און פייער,
ערד צעהיצטע,
יידן־קינדער
ניט באַשיצטע.
קעפּ אין הימלען,
פּיס אַן באָדן.
גאַז און פּולווער
לופט געלאָדן.
פון די נאַרעס,
פון די לעכער
ציען זיך
צו פליענדיקע דעכער!

אונטער בראַזג פון שטיין און שויבן
ווער וועט אויפהאַלטן דאָס גלויבן
וואָס ציט זיך דורותדיק און זיכער,
וואָס זיפּצט אַרויס פון אַלטע ביכער:
"ס'וועלן אומברענגען דעם זינדיקן די אייגענע חטאים
און וואויל איז דעם וואָס גייט ניט
אינם וועג פון די רשעים".

אונטער בראַזג פון שטיין און שויבן
ווער'ט אויפהאַלטן אַזאַ מין גלויבן?
נישטאָ קיין כוח ווייטער שפּינען
דאָס מעשהלע דאָס אַלט־דערציילטע,
אַז מיר זיינען אויסדערוויילטע.

ווער האָט אַזעלכעס גאָר געהערט
דעם אויסדערוויילטן זאָל קיין באָדן זיין באַשערט!

נו, יאָ.
ניט מיין טאַטע און ניט איך
און ניט די הענט פון מיינע זין
האָבן ערגעץ טיף געגראָבן
איז ניט אונדזוערער דער באָדן.
די מאַנסבלען אונדזערע האָבן איבער פעלדער
ניט געפירט קיין אָקס ביי הערנער.
ס׳האָבן מאַנסבלען אונדזערע ניט געזייט
אויף ערד קיין קערנער
איז ניטאָ קיין באָדן . . .

איך אַליין האָב דאָך דאָס ליכט אַריינגעשמעלצט
אין לייכטער
און צוגעטראָגן צו מיין זון דעם טראַכטער
וואָס זיצט מיט קנייטשן אינם שטערן,
מיט ווייסע הענט און בלאַסקייט אונטער נעגל
איבער קאַנט, ספּינאָזא, פּלאַטאָ, העגל.
און אפשר שמידט אַזוי מיין זון שוין נייע פליגל?
צום אַלטן דאָך שוין נייע פליגל?
קאַנט, ספּינאָזא, פּלאַטאָ, העגל —
צום אַלטן דאָך שוין נייע פליגל?

און אויב ס׳וועט דער רשע
דער אומגליקלעכער נאַר
די ערד פון אונטער אונדזער בנין
ווידער טאָן אַ שאַר
און איינבייגן די זיילן,
און אומוואַרפן די ווענט
וואו זשע וועט מיין זון אַהינטאָן זיינע ווייסע הענט?
וואו זשע וועט מיין זון אַהינטאָן זיינע ווייסע הענט?!

— גאָט זאָל היטן! — שריי איך מיט אַ קול צעגליטן.
— גרינע לאַנקעס,
שאָף און רינדער!
איך וויל לאַנד פאַר מיינע קינדער!!!

מילד און רואיק פאַכעט מיך דער דאַך
פון נייעם בנין
וואָס אויסגעכישופט האָבן יידן אַ הייפעלע,
אַ מנין
און רעדט אַזוי:
— לאַנד,
איז אייביקייט ניט ערב.
לענדער מעכטיקע
ווערן אויכעט חרוב.
פעלקער ערדישע קומען אויף און
קומען אום.
יידן, אָבער —
אייביק, אומעטום.
אייביק,
אומעטום.

און אויב ס'וועט דער רשע,
דער ווילדער נאַר
די ערד פון אונטער אָט דעם בנין
ווידער טאָן אַ שאַר,
וועט וועלט פאַרציטערן און שטוינען,
שטוינען און זיך חדושן:
זעט!
פליגל ביי דעם דאַך דעם יידישן!

נאָוועמבער 29, 1947

אַ קמצן דורך פינגער אַ בשורה אונדז זיפּט.
האָבן שטאָפּעטן געפיבערט,
אַן אָנזאָג אַ העלן אין דראָטן געקניפּט.
מיין האַנט האָט געטאָן זיך אַ צי צו דיין אַקסל
און ס׳האָט זיך אַ רעדל צעהיפּט.

מיין האַנט אויף דיין אַקסל און דיינע
אויף אַקסל אויף צווייטן, אויף דריטן.
איינער אַ בלאַסער, אַ הויכער
אריין איז אינמיטן,
פאַרמאַכט זיינע אויגן,
דעם האַלדז צו די הויכן פאַרוואָרפן, פאַרצויגן —
חי און הוד, הוד —
געשפּרייט האָט זיך ברייטער,
געדרייטער
דער ראָד־קאַראַהאָד.

חי ישראל,
ישראל איז אייביק, איז אייביק!
דאָס איז אונדז אי טרייסט אי כלי־זיין
נאָר דער וואָס נישטאָ מער
ט׳שוין קיינמאָל, ט׳שוין קיינמאָל ניט זיין.
דער וואָס נישטאָ מער
ליימט שירה אויף צונג.
דער וואָס נישטאָ מער
צוימט חדוה־שפּרונג
איבער פינצטערער האַנט וואָס נעצן אונדז קניפּט
ווען קמצן דורך פינגער
אַ בשורה אונדז זיפּט.

פאַרוואָס שעלט איר מיין יידיש הויז, פרעגט אהרן

וועט דער נביא ישעיה האָט ביים ערשטן אַרויסטריט אויסגעשריען צו גאָט „איך געפין זיך צווישן אַ פאָלק מיט אומריינע ליפּן" האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט איינער פון די שרפים און צוגעלייגט אַ ברענענדיקע קויל צום מויל, וואָס האָט זיך געעפנט צו ריידן בייז אויף יידן.

וועך איז דער וואָס פוצט זיך אויס אין פיינע שורות
און שעלט דעם פולן טעלער אויף מיין טיש —
מיין כלומרשטע עשירות?
ווער איז דער וואָס קומט אין אויסגעטאָקטע סטראָפן
מיך דעם מידן,
מיך דעם יידן שטראָפן?

אמת,
כ'האָב זיך פון טלית
לאַנג שוין אויסגעוויקלט,
מיינע תפילין ערגעץ אין אַ זעקעלע פאַרשטעקט.
דאָך
דער ייד אין מיר מיט יעדן אומגליק בריקלט,
מיין קינד דאָס שלאָפנדיקס אין וויגל
שרעקט.

איך האָב אין לאַנד דאָ קוים
מיט ברויט זיך אָנגעגעסן;
דעם רוקן עט-וואָס אויסגעגלייכט
און בלויז געוואָלט אַביסעלע פאַרגעסן.
אַביסל זיך פאַרגעסן.

און איר, שעלטער מיינע,
הייליקע גאַטס וועכטער,
סמ'ט די שעה מיינע אין קאָרטן־שפּיל
און שעלט דעם טאַנץ אין פּיס פון מיינע טעכטער.

איר שעלט דעם שטייף אין מוסקול פון מיין זון
וואָס איז אין בייסבאָל שפּיל אַ חידוש.
איר שעלט די שטוב מיינע די ערלעכע
וואָס רעדט ניט מער קיין יידיש.

מיין טאַטע האָט מיט תהלים־לשון־קודש
סמאָלע אין כוטער געברענט;
זיין עלנט געראָצועה'ט אין די תפילין.
מיט יידיש ליד האָב איך
מיין גורל אָנגעקלאָגט צו וואַרשטאַט־ווענט.
דאָ טוען זיך אויף ענגליש מיינע וואוילע קינדער שפּילן.

כ'לעבן —
קיין שכור בין איך ניט.
קיין שפּייערל אין קעשענע טראָג איך ניט.
מיט הערשן־קעפּ די ווענט מיינע באַפּוץ איך ניט
און קיין אויסגעשטרעקטע האַנט
פאַרזע איך ניט,
פאַרשעם איך ניט.

פאַרוואָס זשע קומען זיי
מיט שיינע רייד און פיינע סטראָפן
מיך,
מיין הויזגעזינד דאָס יידישע צו שטראָפן?

מיר פאַר אייך, יידישע קינדער

זינג איך זיי פון ליבע,
זינג איך זיי פון קיום,
זינג איך זיי פון המשך און אחריות.
זינג איך זיי פון גורל,
זינג איך זיי פון עול'ן
און איך ברענג זיי ראיות
פון העלדישע אמאָלן.
זינג איך זיי,
זינג איך זיי
און זיי
לויפן.

ווי פלינק יונגע פיס קענען לויפן!
מיר פאַר דער מידקייט אין זיי.

מיין ברכה פלאָנטערט אין שטויב פון זייערע טריט.
באַשירעם זיי, גאָט, און באהיט.

מיין ליבע ביי זייער צעפּאַכטן שפּאַן
יאָגט זיי אַלץ ווייטער און ווייטער פון מיר,
ווײנט מיין אומעטיקע טיר.

כ'האָב געכאַפּט און געעפּנט דעם טויער פון
לופט־שלאָס.
די אוצרות זיי מיינע באַוויזן —
די פּערל אין קרוין פון מיין מלכות:
מיינע ישעיהם און רבי עקיבאַס,
מיינע יוחננס און מיינע שלמה מולכוס.

מיט ציטערדיקע פינגער האָב איך פאַר זיי
ווי אַ לאָמטערנדל אָנגעצונדען מיין בעל שם.
מיט הוילע הענט האָב איך אַ כאַפּ געטאָן
מיין צעפלאַקערטן קידוש השם.

כ'האָב צעפינקלט דעם לויטער דורך ימען פון צער'ן
און ווייז זיי די פּראַכט פון מיינע יום טובים
דורך ניסים געבוירן
אין שאָטן פון גזרן.

אַזוי באַלויכט איך זיי דעם וועג
פון מיר אַוועק.

מיר פאַר זייערע בלאָנדזשענדיקע פּיס.

איך האָב געטאָן אַ שפּרונג
אויפן דאַך פון "אויב ניט נאָך העכער"
און צעקלונגען די גאָלדענע קייט פון מיין פּרץ.

איך לויף זיי נאָך
מיט שאַרפזין קאָנדענסירטן,
מיט גאַרבן זעלטענע הומאָר־מירטן
פון מיינע שלום עליכמס.
איך פאַרשטעל,
איך פאַרלייקן
די פאַרשמירטע פנימער
פון מיינע אָרעמע „ברייִנעס״.
און יאָג זיך נאָך זיי
מיט די לויטערע פערל
פון דער באָבעס כשרן האַלדז.

מיין עשירות רינט אַריבער מיר
מיינע אומעטיקע הויפן
און זיי לויפן,
און זיי לויפן.

מיר פאַר זייערע טרויעריקע פיס.

ווער?
ווער וועט אָפּראַמען פון וועג זיי די שטיינער?
מיר פאַר זיי.
זיי זיינען מיר געבוירן מיט שרעק אין די ביינער
לויפן זיי,
לויפן זיי.

מאַמעס ביי די באַנען

יאָר 1944

איז געקומען, געקומען די באַן
און פאַרנומען די זין.
שטוינען די מאַמעס:
מע פרעגט ניט ביי מאַמעס, מע זאָגט ניט וואוהין.
שעפּטשען די באַנען:
ס'איז ערגעץ אַ גרויזאַמער שונא פאַראַנען,
אַ שונא פאַראַנען.
וואונדערט זיך מאַמע:
ווי האָט זיך דאָס קינד אירס אַ שונא דערוואָרבן?
און אויב ער'ז פון האָס און פון שווינדל אַ קרבן,
פירט ווער אַ חשבון, איז השגחה פאַראַנען?
קרעכצן די באַנען:
ס'האָט עמעצער ערגעץ דעם חשבון פאַרפּלאָנטערט,
אַ ציפער אַ קליינע פאַרלאָרן
איז תוהו געוואָרן,
איז תוהו געוואָרן.

און באַן איז געקומען, געקומען, געקומען,
און ליכטיקע זין ביי די מאַמעס פאַרנומען.

גרויען זיך מאַמעס ביי דער באַן דעם היפּאָפּאַט
וואָס שלינגט גאַנצע מחנות קינדער איין
און ווערט ניט זאַט,
און ווערט ניט זאַט.
און זין אַזעלכע יונגע שטראַמען אַלץ און שטראַמען.
זוכט אַ מאַמע אוים איר איינעם
און שעפּטשעט אוים זיין נאָמען.
בליקן אירע לויפן נאָך און קלאַמערן אין נאָמען.
אַט אַזוי וועט שוין איר בליק כסדר אויף אים הענגען
וואו ס׳וועט דאָס מזל זיינס אים פירן און אים ברענגען.

און באַן איז געקומען, געקומען, געקומען,
און ליכטיקע זין ביי די מאַמעס פאַרנומען.

וואַקסט אין אַ מאַמע אַ יאָמער אַ גרויסער
באַלד גרעסער ווי זי איז אַליין.
נאָר זי וועט דעם יאָמער באַהאַלטן, פאַרהאַלטן
אין קלעם פון די ציין.
קרימט זיך אַ שמייכל אויף ליפּן ביי מאַמע
ווי זון דורך אַ וואָלקן אַ גרויען.
ס׳ווילט זיך פאַרוואַרפן דעם קאָפּ אַט דעם שווערן
און זיך ווי אַ חיה צעוואָיען.

אַז בראַוו זיינען מאַמעס זאָלן זינעלעך מיינען,
טאָר מאַמע ניט וויינען,
ניט וויינען.

און באַן איז געקומען, געקומען, געקומען,
און ליכטיקע זין ביי די מאַמעס פאַרנומען.

אַט זוכט אַ מאַמע מיט פייער אין אויגן
איר קינד אינם קעקי כאַלאַט.
איר דוכט אַז
אַ קינד איז אַ קינד בלויז אַ הוילער,
אין קעקי איז ער אַ סאָלדאַט.
אוי, ס'האָט זיך דאָס קינד אירס פאַרשטעלט פאַר סאָלדאַט!
מע טאָר נישט!
מע טאָר נישט אַזוי!
סאָלדאַט איז מלחמה,
מע פאַלט אין מלחמה, אוי!

און באַן איז געקומען, געקומען, געקומען,
און ליכטיקע זין ביי די מאַמעס פאַרנומען.

מישן זיך זאַכן אין קאָפּ ביי אַ מאַמע
עפּעס אַזעלכענע זאַכן —
אַ ליץ איז געקומען און פירט אָן אַ שפּיל אַזאַ סטראַשנע
אויף חוזק צו מאַכן.
איר דוכט אַז דאָס קינד אירס איז נאָר וואָס געבוירן.

װען איז ער געװאַקסן?
װען איז ער אַ גרױסער געװאָרן?
און װען איז געװאָרן אַ ריזיקע מאַמע
אַ קלײניטשקע מאַמע אַזאַ?
אַ מאַמע מיט לײמענע הענט און אָן לשון.
ס'האָט זיך דאָס שױן־ליכט אין מאַמע פאַרלאָשן,
פאַרלאָשן.
בלױז אױגן אַזעלכענע גרױסע באַקומען האָט מאַמע.
און פאַר די גרױסע אױגן שפּרינגען עראָפּלאַנען,
און פאַר די גרױסע אױגן װיגן שיפן זיך אין רױטע פלאַמען.
און פאַר די אױגן פון דער מאַמען
װערט רױט די ערד און רױט
די װאַסערן פון ים'ען . . .
און אומעטום רק שרײַט מען
— מאַמע —
אױף אַזױפיל מאָדנע שפּראַכן.
רק אַזעלכע װילדע זאַכן
מישן זיך אין קאָפּ בײַ מאַמע,
רק אַזעלכע זאַכן.

און באַן איז געקומען, געקומען, געקומען,
און ליכטיקע זין בײַ די מאַמעס פאַרנומען.

בלויע אויגן, גוטע מאַמע־אויגן
ווי בעכער פול מיט בלויען גלויבן,
שטומט אַ מאַמעלע אַ קליינע לעם אַ זון אַ הויכן —
קוים זיין אַקסל צו דערגרייכן.
בלויער ציטער פלאַטערט אום
רונד אַרום דעם גרויסן זון.
בלויער ציטער גלעט און בעט זיך פרום:
קינד מיינס,
דו ביסט אַזוי שטאַרק אין דיין זיידן דעם צדיק געראָטן,
וואָס האָט אויף זיין לעבן אפילו קיין שפין ניט
צעטראָטן.
איז אויב חלילה דו . . .
דו וועסט מוזן, מוזן —
(בעט זיך שטום דאָס מאַמעלע דאָס קליינע)
ציל זשע, קינד מיינס, אויף קאַטאַוועס
אינדערלופטן
און ברענג די הענט צוריק מיר דיינע ריינע.
ברענג די הענט מיר ריינע.

ליגן גרויסע הענט זיך צאַרט אַנידער
אויף אַקסל קליינע
און ס'צוקן הענט אויף אַקסל רייד אַזוינע:
ביסט אַזאַ מין גוטע, גוטע.
נו.
ס'איז אַזוי באַשערט, מסתמא,
קליינע מאַמע.
זאָלסט ניט זאָרגן.
זאָלסט ניט בענקען.
וועל איך דערפאַר דיר עפּעס ברענגען
ווען כ'וועל קומען . . .
ווען כ'וועל קומען — — —

און באַן איז געקומען, געקומען . . .

אַ בריוו צום זון אויף דער מלחמה — 1945

גוט מאָרגן דיר, מיין זון.
אפשר איז ביי דיר גוט אָוונט יעצט
צי גאָר אַ גוטע נאַכט.
ס'האָט די ראַדיאָ
אין שטוב צו אונדז געבראַכט
זיג אויף אַלע פראָנטן
איז גוט, איז גוט אודאי.
נאָר ס'וואַרגט אַ ציטער מיר
די רגע די דערפרייטע.

אַלט איז אַט דער ציטער און באַקענט —
מיר האָבן דאָס דורך דורות
מיט ציטערדיקע הענט
ווי ברענענדיקע ליכט אין ווינט
אַרומגעטראָגן.

אַלט איז אַט דער ציטער און באַקענט.
ס'איז דער
ווען גאָט ט'אויף אונדז געצאָרנט,
אַ פרייד אַן ענלעכע אין אונדז געוואָרנט
ווען מידע טריט האָבן צו אויסלייזונג געגענט:
"איר פרייט זיך גאָר
ווען ס'זינקען יעצט אין ים
די ווערק פון מיינע הענט!"

גערענקסט, מיין ייִנגעלע, ווי שטיל,
ווי שטום
ס'איז געוואָרן אַלץ אַרום?
געדענקסט?
מיר זיינען אַלע דאָרט געווען,
נאָר דו
האָסט דאָס קעפּעלע אַראָפּגעלאָזט
נאָך טיפער ווי מיר אַלע
און אויפן זאַמד ביי דיינע פיס
האָב איך געזען זיך צינדן בריליאַנטן —
דיינע טרערן אין דער זון,
האָב איך פאַרכטיק פרום
דיך דעמאָלט אָנגערופן ״גאָט געבענטשטער״.

פאַרוואָגלט קינד מיינס,
איך ווייס ניט וואו דו ביסט —
ערגעץ אויף אַ שיף צי אויף יבשה,
נאָר וואו ס'וואַכט אַן אויג אַ ליכטיקס איבער דיר
שעם איך זיך פאַר דיר,
און דו פאַרשטייסט מיין בושה.

ס'האָט זיך די ראַדיאָ צעזונגען,
זינג אין אַלע ווינקעלעך צעקלונגען.
טוען פליסטערן די ליפּן מיינע
אויסגעקרימט אין פּיין:
״געבענטשט זאָל אונדז דער זיג
דער טרויעריקער זיין״.

איך לאַך אַמאָל

צי בין איך דען אויף אייביק?
אַז ווער איך זאָל ניט זיין
האָב איך בלויז אַ ברעקעלע זיין.
אַזוי פיל טרויער,
אַזוי פיל באַדויער,
אַזוי פיל צער איז פאַראַן אין אַ ברעקעלע זיין.

נעם מיך אַרום, מיין ליבער,
נעם מיך אַרום.
מיט דאָרנס אין די פינגער נעם מיך אַרום.
מיט שטאָל־שפּליטערס אין די אָרעמס
נעם מיך אַרום.
מיטן פינצטער פון דיין אויסגעהאַקט אויג,
מיט דיין גאָר צעוואונדיקט לעבן
נעם מיך אַרום.

ווי צו מיר און צו מיין ווינקל,
וואָס האָט אויפגעהיט דאָס גאַנצקייט פון מיין לייב.
ווי צו מיר און צו מיין ווינקל,
וואָס האָט מיך אויסגעהיט
פון פרעכער האַנט און קויט.
דאָס הייסע שנאה־שפריי, וואָס סמ'ט דאָס ברויט,
דאָס וואַסער און די לופט
האָט מיך נאָך ניט דערגרייכט.

איך האָב פּרובירט
אַלע מיינע חושים האַלטן וואַך,
אַז אין מינדסטן שאָרך פון יעדער לעבעדיקער זאַך
זאָל איך פאַרנעמען אַלע ווײ־געשרייען
פון צאַנקנדיקן לעבנסגלי.
געפּרוּווט זיך אָנהענגען אָן לעצטן אָטעם־צי
וואָס איז אָן טרייסט,
אין עלנט אויסגעהויכט געוואָרן.

שווידערן האָב איך אַרומגעשטעלט אַרום מיין טאָג,
אַרום מיין נאַכט
אַז דערווידער זאָל מיר זיין די זון,
דאָס ליכט;
אַז פייניקן זאָל מיך לבנה'ס אָנגעזיכט.

נאָר פאַרשאָלטן זיינען אַלע מיינע פּרוּוון
און דעם
ביי ווען ס'גרוילט אַ פונק
פון איינגע'עקשנט לעבן
האָב איך גאָרנישט ניט געגעבן.
גאָרנישט ניט געגעבן.

בויגט זיך טיפער נאָך מיין קאָפּ
אין בושה און הכנעה —

אין געוויין אפילו
איז פאַראַן הנאה . . .

וויי צו מיר!
איך בין אַ דעזערטיר.
איך לאַך אַמאָל,
איך זינג אַמאָל
און ס'איז נאָך פאַראַן אַ רגע רו
אין שלאָף ביי מיר,
אין וואַך ביי מיר
אַמאָל.

וועסט קומען מיט גאָטס הילף צוריק

וועסט קומען צוריק.
וועסט קומען מיט גאָטס הילף צוריק
מיט פרעמדקייט אין בליק.
(איך גרייט זיך,
איך ווייס שוין,
איך האָב שוין געזען ווי זיי קומען צוריק)

וועסט זיצן ניט זיכער אין היימישן שטול
און שווייגן
און גאָרנישט ניט וועלן דערציילן.
און איך וועל ניט וויסן,
און איך וועל ניט קענען דיין שטומקייט דיר היילן.
וועל איך מיט שטילינקע רייד
דיר גלעטן דעם גרויל וואָס דו טראָגסט אין געמיט
און נעמען דיר בויען אַ גלויבן
אין וועלכן איך גלויב שוין מער ניט.

ווען קומען מיט גאָטס הילף צוריק
און פרעמד וועט דיר אויסזען דיין לייבלעכסטער קרוב,
מיין האַנט אויף דיין אַקסל,
דיין בעט און דיין קישן,
דיין טעלער, דיין לעפל, דיין גאָפל
און אַלץ וואָס אויף דיר האָט געוואַרט.
דו וועסט
אינדערמיט פון אַלצונדערינען
גאָר ניט באַנעמען,
דעם קנופּ ניט געפינען.
און איך וועל ניט וויסן
פון וואָס דיר צו שפּינען
אַן אויפליכט אין זינען.

וועסט קומען מיט גאָטס הילף צוריק
מיט ווייטקייט אין בליק.
און פרעמד וועט דיר זיין אונדזער שטייגער.
וועל איך זיך נעמען
מיט בושה אויף ברעמען
דיר ווייזן אַ צווייגל אַ גרינעם,
אַ בלימל אַ רויטס.
כ׳וועל ברענגען צושלעפּן אַרונטער פון בוידעם
אַ שפּילעכל דיינס אַ פאַרלעגנס.
כ׳וועל וועקן דיין דמיון מיט ריח
פון היימיש געקעכץ.
און דו
וועסט פאַרקוועטשן די ליפּן
דערשטיקן אַ קרעכץ.

כ׳וועל מאַכן אַן אַנשטעל און וועל עקזולטירן —
מיט הענט און מיט אַקסל זשעסטיקולירן
ווי ווייזערס געדירטע
אויף פּנים פון זייגער מיט ציפערן אַלט און פאַרמעקט.
וועל ציען דיין אויפמערק צו אונדזערע גליקן:
דעם עמפּייער סטייט,
די טורעמס,
די באַנען,
די בריקן
און אַלץ וואָס געדעגט האָט וויהיטמאַנען
און דו
וועסט שטוינען און גאַרנישט ניט אַנען.
ניט שמייכלען אפילו צום זינלאָזן פלאַפּל
וועט אומעט אין דיינע שוואַרצאַפּל.

נאָר איך וועל זיך מיען,
ניט ווערן גאָר מיד
דיר בויען אַ גלויבן
אין וועלכן
איך גלויב שוין מער ניט . . .

און
ביים ערשטינקן סימן פון נייגער
וואָס וועט אַ גלי טאָן ביי דיר אין די אויגן
וועל איך זיך פאַרנויגן
און אויסדרייען זיך
און טיפער זיך נויגן
הינטעראָרומעט
צום אייגענעם אומעט,
צום אייגענעם אומעט.

1944

מיט דיר, מענטש

מיט דיר, מענטש,
האָב איך ווינציקער מורא
פאַר צאָרן פון בורא.

אין בליץ און אין דונער
זוך איך צו זיין מיט דיר.
ווען ס'ציטערט די ערד
קלאַמער איך זיך אָן דיר.
אין וויסטעניש פון מדבר,
אין ווילדערניש פון וואַלד
איז מיר היימלעכער מיט דיר.
אין הונגער און אין דאָרשט
קלאַפּ איך אין דיין טיר.
ווען מיר דוכט אַז גאָט האָט מיך פאַרגעסן
זוך איך טרייסט ביי דיר.

מיט דיר, מיין מענטש,
האָב איך ווינציקער מורא פאַר צאָרן פון בורא.
אָבער
פאַר דיר, מענטש,
האָב איך מורא.

געקרייציקט

צו אַ יונגער יידישער מיידל, וועלכע האָט אַ דאַנק איר ניט־יידישן אויסזען, געלעבט אויף דער אַרישער זייט און געהאָלפן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ אין יאָר 1943.

דין ביסטו, קינד, און דו בייגסט זיך
ווי ס׳בייגט זיך אַ זאַנג אינם ווינט,
טרויעריק קינד.
און גבורה פאַרמאָגסטו
ווי פונק פון הונגער וואָס
צאַנקענדיק צינדט
אַ כוח געהיימען,
וואונדערלעך קינד.

און יעטווידער אבער אין דיר איז געוואָרן געקרייציקט
ביים טויער פון געטאָ וואו
טאָג־ליכט האָט אומקום געפלייציקט,
אומעטיק קינד.

דיין נאָז האָט געצייכנט דיר אָרישן אָנבליק
האָסטו געגישטערט ביי שפורן פון אומגליק
וואו שוידער געשפינט
האָבן טריט פון צעיושעטע הינט
אַרום ווענט פון דער געטאָ וואו
נאַכטיקער שאָטן האָט אומקום געפלייציקט
האָט דיין אָרישע נאָז דיך געקרייציקט,
עלנט קינד.

די הענט דיינע האָבן אַ בשורה פון פולווער געטראָגן.
ווי קנויטן געפלאָכטן אין ציטער די פינגער
האָבן דורך נעכט און דורך גרוילן־פּאַרטאָגן
געשפּרייט אָט די בשורה אין ווינקלען פון געטאָ
וואו
באַגינען האָט אומקום געפלייציקט
האָט דיין דינינקע האַנט דיך געקרייציקט,
שטראַלנדיק קינד.

דיין פוס האָט געשטרויכלט, געוואַקלט
אין שאָטן פון שדים.
האָסט פייער באַהאַלטן אין לעכער פון קעלער און בוידעם —
געגרייט אַ דערלייזונג — אַ טרייסט אַזאַ דולע
ביז גאַל האָט געטאַנצט קעגן פלאַמען־גאולה
אין ווענט פון דער געטאָ וואו
דעמער האָט אומקום געפלייציקט
האָט דיין קליינינקער פוס דיך געקרייציקט,
הייליק קינד.

יעצט ביסטו אַ נס אונדז אויף אייביק.
דו ביסט אונדז אין פלאַמען אויף חידוש געוואָרן.
— אַ שפיץ פון אַ שווערד האָט אַ בלימל געבאָרן —
דו טראָגסט אום דעם ביטער פון רויך אויף דיין גומען.
ניט איינאַליין ביסט פון דאָרטן געקומען.
טויזנטער קדושים דיין טראָט דיר באַגלייטן.
יסורים פון ווילדע משונהקע טויטן
דאָס אויג דיינס דאָ פלייציקט
ווערט מיר מיין האַרץ פון דיין אָטעם געקרייציקט,
ניסימדיק קינד.

אוי אַ גנבֿ

דער וואָס שפּאַנט גאָרילאַ־שפּאַן
מיט פאַרקוועטשטע ציין
ווי מיט לוסט
אין אומגליק זיך אַריינגעביסן ביזן סאַמע ביין;
דער
וואָס ווערט פון פיינע לייט ווי איך
„אַפּפּאַל" אָנגערופן אין געשפּרעך
וועגן צדקה,
שלעכטע צייטן און פאַרברעך,
איז ווי פון דר'ערד אַרויסגעוואַקסן נעבן מיר,
אַ רוק געטאָן דאָס היטל טיף אַריבער שטערן,
אַ רים געטאָן מיין פוטער־מאַנטל
ווי מע רייסט אַ שאָלעכץ אָפּ פון קערן.
און מיט פלינקקייט
האָט זיין אויג
אַרומגעכאַפּט מיין דינקייט,
אַ שפּיי געטאָן אויף דריי אַרשין
און ניט געבליבן.

אַזוי איז דאָס געשען
און
זאָל דאָס זיין פאַרשריבן.

דאָס איז די זאַך

אַ רעגן אַ שלאַקס האָט געכאַפּט אונדז אין גאַס
און דודל'ס קעפּל געוואָרן איז נאַס.

געפינן איך אַ שטיקעלע שוץ ביי אַ וואַנט
און וואַרעם דאָס קעפּעלע אים מיט מיין האַנט.

הער, דודל, זאָג איך —
אַ שטיקעלע דאַך
אָט דאָס איז די זאַך.
אָט דאָס איז די זאַך.

און דודל טוט מיט זיין הענטל אַ מאַך —
אַ שטיקעלע דאַך? נו, עד מיר אַ זאַך.

הער, דודל, הער נאַר —
אַמאָל איז געווען
און אויך היינט איז פאַראַן
אַ ווייב און אַ מאַן
מיט קינדער אַ סך.
מיט קינדער אַ סך.

און דודל טוט מיט זיין הענטל אַ מאַך —
קינדער אַ סך? נו עך מיר אַ זאַך.

— האָבן ווייב און מאַן און קינדער, אוי וויי,
געוואוינט אין אַ הויז, ס'רעדט זיך אַזוי
און דאָס הויז האָט געהאַט אַ דאַך.
אָט דאָס איז די זאַך.
אָט דאָס איז די זאַך.

און דודל טוט מיט זיין הענטל אַ מאַך —
אַ הויז מיט אַ דאַך? נו עך מיר אַ זאַך.

— אַ דאַך איז דאָס? ס'זאָגט זיך אַזוי.
געווען איז דער דאַך געדעקט מיט שטרוי
הייסט דאָס
אַ שטרויענער דאַך.
אָט דאָס איז די זאַך.
אָט דאָס איז די זאַך.

און דודל טוט מיטן הענטל אַ מאַך —
אַ שטרויענער דאַך? נו עך מיר אַ זאַך.

— איז געקומען אַ ווינט פון צפון זייט,
פאַרטראָגן דעם שטרויענעם דאַך העט ווייט
הייסט דאָס
אַ הויז אָן אַ דאַך
אָט דאָס איז די זאַך.
אָט דאָס איז די זאַך.

בלייבט דודלס הענטל אינמיטן דעם מאַך
און אויגעלעך פרעגן — אַ הויז אָן אַ דאַך?

יאָ, יאָ.
ס'איז געווען, ס'איז פאַראַן
אַ ווייב און אַ מאַן
מיט קינדער אַ סך
און אַ הויז אָן אַ דאַך
אָט דאָס איז די זאַך.
אָט דאָס איז די זאַך.

טוליעט דודל ס'קעפל צו מיר ביי דער וואַנט.
אויף זיין ווייכינקער בעקעלע ציטערט מיין האַנט.

ווי זינדיק איך בין

רויט־ערד,
ווי זינדיק איך בין!
כ׳האָב זיך אַ ריס געטאָן פון דיר
ביז צום עמפּייער־סטייט און
העכער נאָך.
און דו
האָסט אַ טעלער גרינעם סאַלאַט מיר
אַרויפגעשיקט אַהין.
ברוין־ערד,
שפּייזסט מיט פולער האַנט אפילו די,
וואָס זיינען מורד אין דיר,
אַ גוטע, שטרענגע ערד.

אין רעטראָ

טייערער,
לאָמיר נים פאַרשפּעטיקן.
לאָמיר אָניאָגן דעם וואָס לויפט
אַ געלאָף דעם קאָפּ צו ברעכן.
ער איז אַזאַ זעלטענער
דער וואָס לויפט אַ געלאָף דעם קאָפּ צו ברעכן.
ער איז אַזאַ טרויעריקער,
אַזאַ אומגעדולדיקער און בייזער.

דאָס זוכט ער מיך — דעם אבן־טוב,
דאָס זוכט ער דיך — דעם אבן־טוב.

לאָמיר אים אָניאָגן דעם אומעטיקן.
זע!
ער יאָגט זיך אין רעטראָ
און פאַרלירט מיך,
פאַרלירט דיך,
און
פאַרלירט זיך —
אומגליקלעכער איינער.

צו אַ יינגעלע

יינגעלע.
פּיצעלע יינגעלע.
דו און איך —
סעזאָנען צוויי
וואָס קוקן זיך אין אויגן אָן
אַנדערשדיק אַזוי.

דו —
ערשט אויסגעוויקלט זיך פון בליטן־זייד
איך —
קופּער־צייט.

פּיצעלע יינגעלע דו,
מיט הענטעלעך,
מיט פיסעלעך,
מיט אויגעלעך צו מיר אַרויף
אין פלאַטער־פליטער
נאָר איך
דיין פעסטונג
ציטער.

וואָס פרעגן דיינע אויגעלעך צו מיר אַרויף?

אַלע קליינטשינקע קוקן אַרויף, אַרויף
און אַרויף
ביז זיי קוקן אַוועק
און
אַריבער.

דעריבער — — —

איך וואָס בין דאָ
אַזוי לאַנג אָט אַ דאָ
און אויסן געווען
אָווא וואו, וואָס אויסן —

וואָס ווילסטו פון מיר זיך דערוויסן?

דו וואָס אָט ערשט,
אָט ערשט וואָס דו ביסט
קוקסט צו מיר אַרויף,
אַרויף און אַרויף
ביז
דו׳סט קוקן אַוועק
און
אַריבער.

דעריבער — — —

צעשטראַלונג

אין מיין שטרעבן צו גרויס־באַנעם, זאָג איך „וועלט".
אין מיין בענקען צו גרויס־וואָרט, זאָג איך „גאָט".

אַזוי ווי אַ קינד קלאַמערט זיך אין מאַמעס פּאָלעס,
קלאַמער איך זיך אין דיר, גאָט־וואָרט.

איך בין דערשראָקן.
איך בין פאַרלאָזן.
וועלט קוקט אַוועק פון מיר.
זי רייסט די פּאָלעס פון מיינע פאַרקראַמפּטע פינגער.
זי האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום העכסטן פּונקט —
זי וויל זיך עקן.
דאָס איז איר נאָך־ניט־דערגרייכטער ציל.

אַלע גרויסקייטן רייסן זיך אַוועק.
קליינקייטן אין אָפּריים
האָבן מורא.

ווען איך בין געבוירן
איז עטוואס פאַרויס מיר געבוירן געוואָרן מיין ציל
און לויפט פאַרויס מיר,
מיר אַלעמאָל פאַרויס.
ס'גליט אויף ווי אַ פייערפליג אַט דאָ און אַט דאָרטן,
דערפרייט מיך און שרעקט ווי אַ שאָטן.

אַ פאַרשלייערטער פּנים איז מיר מיין ציל
וואָס פירט אַן מיט מיין קער און מיין ווענד.
און איך בין געהאָרכזאַם ווי אַ בלינדער זיין שטעקן.

אין מיין נישטיקייט
איז אויך גרויסקייט פאַראַן וואָס פליגלט צו אַנטרין.

איך האָב געבוירן אַזעלכע וואָס כפל'ען געבורט.
אַלע געבורטן חלומען תכלית.
אַלע געבורטן הענגען אויפן צעשאַלטן וועלט-קאָפּ.
וועלט-קאָפּ טרייסלט פון זיך אַלע תכליתן אָפּ און בליצט
צו איר העכסטן ציל —
וועלט גאַרט זיך עקן.

וועלט פאַרגייט זיך אין פרייד.
שטראַלן פון גאולה-פינאַל שטויבן אויף מיר.
אין איר חדוה שפּאַלטן זיך אַטאָמען.
אור-סודות דעקן זיך אויף און צעטומלען.
אור-סודות ליכטיקן אויף פינגער פון חושך.

איך בין דערשראָקן.
מיין הויט שטייפט אויף מיר.
איך הער דעם שאָל פון אויפלייז.
ס׳מאַכט מיך בלינד דאָס צעהעלטע סופיקיים.

איך פאַרמאַך די אויגן.
איך צי צוריק אין זיך אַריין.
איך פאַרקלייב זיך אין מיין אייגענער תפיסה.
איך באַהאַלט זיך.
איך טוליע זיך אין די ווינקעלעך פון זיך.
איך טוק זיך!
איך ווער פאַרטיליקט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

צוזאַמען מיט מיר
ווערט בטל ומבוטל מיין ציל.

וועלט-וואָרט רייסט זיך אַוועק פון מיין שטערבלעכקייט.
ס׳צעשטויבט זיך אין צעשטראַלונג.
צעיובלטער וועלט-קאָפּ איז פאַרצויגן אַרויף
צום העכסטן ציל —
וועלט טוט זיך עקן.

אַזוי ווי אַ לעאַנע-פלאַנץ וויקל איך זיך אין מיין חושך
אַרום דיר, גאָט-וואָרט!

איך טו רופן

אַ י כ ה

טאַטע מיינער

דאָרט וואו ס'איז דיין הויז געווען
ווען מיין היים שוין אייביק בלייבן.
קיין זאַך
וועט דעם שימער פון דיין זילבער ניט פאַרמעקן.
ווען איך קום אַהין אַריין
זאָג איך דיר "גוט מאָרגן".
איך זוך אויס אַ שטול,
דעם נאָענטסטן צום טיר
און זעץ זיך שטיל אַנידער
און ווי פון זיך אַליין
לייגן זיך די הענט מיינע אין שויס צוזאַמען,
ווי זיי וואָלטן קיינמאָל מער שוין
גאָר נישט דאַרפן.
דאָ האָבן מיינע הענט דערפילט דעם סוף
פון אַלע זאַכן.

איך וויים,
דו האָסט מיר שטרענג פאַרזאָגט
דעם קאָפּ ניט לאָזן פאַלן.
"אויגן, זאָגסטו,
האָבן אין דערנידער גאָר נישט וואָס צו זוכן".
נאָר ס'איז שווער אַזוי
דעם קאָפּ מיר אויפגעהויבן האַלטן.
און שווער איז מיר
די אויגן ווענדן צו די הויכן.
טיף אין מיר איעדער אָטעם-צי
שרייט "איכה".
איך זוך דיך אין דיין שפּראַך —
איכה!

ע ר ד, מ י י ן א י י ג ע נ ע

ערד, מיין אייגענע,
פֿאַרגיב,
פֿאַרגיב מיין צעטרייסלט געמיט.
זינט איך האָב אַ בר־מינן צו דיר געבראַכט צוטראָגן
שרעק איך זיך פֿאַר דיר, כאָטש
כ׳האָב נאָך אַלץ דיך ליב.

אַזוי צעשראָקן פֿלעג איך שטיין
פֿאַר מיין גרויסן זיידן דוד
און שטאַמלען פֿלעג איך, שטאַמלען
פֿאַר זיין שטרענגן בליק.

מיר אַלע דאָ וואָס דאַרפֿן, דאַרפֿן אָן אַ שיעור
ברעכן זיך די הענט און וויינען איבער דעם
וואָס דאַרף שוין גאָר נישט:
אוי, וואָס זשע זאָל מען טאָן מיט דעם
וואָס דאַרף שוין גאָר נישט?
האָבן מיר צו דיר, אָ ערד, געבראַכט צוטראָגן דעם
וואָס דאַרף שוין גאָר נישט
און דו, מיין אייגענע,
האָסט אים צוגענומען,
האָסט אים צוגעדעקט
און פֿאַרשטעלט אים פֿון סכנות.

ווי אָפּט איך פּלעג צופֿאַלן צו דיר, מיין ערד.
מיט אַלע אבֿרים צופֿאַלן צו דיר.
אַמאָל בין איך נאָך לויב צו דיר געקומען
נאָר אָפּטער נאָך,
זיך אַליין פֿאַרמסרן צו דיר
און וואַרטן פּלעג איך
מיט אַלע חושים הערן
דיין פּסק־דין.

אַלע מאָל האָסטו פֿאַרגעבן.
אַלע מאָל.

מיט ציין און נעגל פּלעג איך דעמאָלט
פֿריידיק זיך אַריינעסן אין דיר.
געהאָפּט אַזוי
אין דיר געראָטן ווערן
אַז זיין זאָל איך ווי דו, געטרייע,
שטאַרק און שטרענג און גוט.

נאָר, ערד מיין נאָענטע,
פֿאַרגיב.
פֿאַרגיב מיין צעטרייסלט געמיט.
פֿון זינט
איך האָב מיין בר־מינן צו דיר געבראַכט צוטראָגן
שרעק איך זיך פֿאַר דיר,
מיין ערד.

ד ע ר אָ ב ל

ס׳טראַכט דער אבל:
— דו,
וואָס קומסט צו מיר אין הויז
מיט גרייטן זיפּץ פון מיינעטוועגן,
זעץ זיך שטיל און
זאָג מיר גאָרנישט.
דו האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

דו האָסט געבראַכט אין בוזעם-קעשענע צוטראָגן
אַ בינטל טרייסט-ווערטער
פאַר מיין קראַנק געמיט,
קלוגע רייד אַזעלכע
וואָס גיבן מיר אַ נאַריש פּנים.

נאָר ס׳טאָר דער אבל, על כל פּנים,
זיך ניט ווערן.
נאָר קוקן תּמ׳עוואַטע אין די אויגן
און ״גוט יאָר״ אפילו
דיר ניט זאָגן.

זון און רעגן

איך זאָג אַזוי צו מיינע וויינענדיקע שוועסטער
און צו מיינע ברידער, וואָס ציטערן ביים "יתגדל":
לאָמיר גאָר אַרויס אין גאַס און גיין
דער זון אַנטקעגן.
לאָמיר אָנטאָן זיך אין נייע קליידער
און זינגען,
זינגען דאָס געזאַנג פון בירגער.
מיר זיינען בירגער חשובע געוואָרן.
מיר האָבן זיך שוין איינגעוואָרצלט אין דער היגער ערד . . .

טוט ווער אַ ציטער,
טוט ווער קוים אַ שמייכל —
אַ שטראַלעכל זון אין שלאַקס-רעגן.
— טאַטע,
ווי גייט עס די ברכה אויף זון
מיט אַ רעגן?

א י ר ד ע מ ב

מאַמע מיינע

אַכט שטייען מיר אַרום אונדזער מאַמען.
אַזוי ווי אַ פּעדערל איז גרינג אונדזער מאַמע.
וואו נעמט עס אַ גרינגינקע מאַמע
אַזאַ שווער געוויין?

אַ קלוגשאַפט ווי אַ זון־פלעק
פלאַטערט אויף איר פּנים —
פלאַטערט אום צווישן וויעס און איר מויל.
און איר קלוגשאַפט, דוכט זיך,
ציילט אונדז דריי מאָל איבער.
און איר קלוגשאַפט, דוכט זיך,
טייטלט מיט די פינגער:
אַכט זענט איר, אַכט!
אַכט זענט איר מיר — שפּענער.
און ער געוועזן איז איינער,
איינער —
מיין דעמב.

ווי אַזוי ביסטו קלוג געוואָרן, מאַמע

וואו האָסטו, מאַמע, גענומען די קלוגשאַפט די שטילע?
אַלץ ווייסט דיין שטילינקער בליק.

אויף דיינע ליפּן רוט כסדר
אַ סוד אינם קנופּ פון זיין שווייגן —
עפּעס אַן אמת אַ שטומער
וואָס
קינדער גרויסע,
קינדער אַלטע
זיינען אַלץ צו יונג צו וויסן?

ניין.
איך פאַרש ניט, מאַמע.
איך ווער זיך קעגן דיין אַלצווייסנדיקן בליק
וואָס האָט שוין, דוכט מיר,
אונטערגעצויגן אויך מיין סך־הכל.

הינטערוויילעכס איז דאָרום
דיין רחמנות אויף מיר.
ס׳טוקט זיך פון אונטער דיין שמייכל
און בייגט די אַקסל מיר איין, מאַמע.

יעצט
אַז איך האָב זיך אַליין דערקליבן
צו דיין שמייכלענדיקן זיפֿץ
איז מיר אויך שוין שווער צו לעבן, מאַמע.
און דאָס האָב איך דערוואוסט זיך
איינינקע אַליין . . .
און שמייכל שוין צו אַלץ ווי דו.
נאָר ניט קלוג בין איך,
ניט קלוג.

ווי אַזוי ביסטו
קלוג געוואָרן, מאַמע?

אַביסעלע
בין איך נאָך ווי דער טאַטע:
שרייען וויל איך,
שרייען הויך „אוי ווי און טאַטע זיסער".
נאָר קיינמאָל, דוכט מיר,
וועל איך ניט ווי ער פֿאַרטרווילעך
ליגן מיט די ליפּן ביי די קליינינקע צוויי יודן
און קיינמאָל ניט ווי ער
מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
צערטלען דעם „שדי".

שפּורן

ש פ ו ר ן

אין בלענד פון טאָג
און מיט צוגעמאַכטע אויגן אויפן שוועל פון שלאָף
מיט שפורן ראַנגלט זיך מיין זין.

שפורן וואַכן ביי די וויעס
אין בלוי פון דעם באַגין.

ניט אויסמיידן, ניט ווייכן.
פון אומעטום שלייכן,
שפורן.

שפורן שאָטענען:
אין טונקל פון חדר,
אין פאַלדן פון קליידער,
אין וואַזאָנע־צוויט,
אין אַ קאָנווערטן־שניט,
אין אַ שפיגל־ראַנד,
אין אַ לידער־באַנד.

אין שופלאָדן־שפאַלטן
טוען זיך באַהאַלטן
שפורן.

שפורן ריח'ן:
אין אַן אַלטן טאַש,
אין ציגאַרן־אַש,
אין אַן אָטעם־הויך,
אין פאַפּיראָסן־רויך

און טוטינען־דופטן
שפרייטן אינדערלופטן
שפורן.

שפורן קלינגען אויף:
אין אַ בלאָז אויף שטויב,
אין פינגער אויף אַ שויב.
אין אַ זאָג, אַ לאַך,
ייִי אַ האַיִט אַ מאַך.
אין זילבער אויפן טיש,
אין אַ בלעטער־מיש.
אין שאָרך פון אַ גאַרדין,
אין ווינט אין אַ קאַמין.

אַ דינסטער ניגון־טאָן
פאָכעט, ווייעט אָן
שפורן.

גאָט ווייסט

אַזוי ווי אַ פאַרזאָרגטע מאַמע
וואָס האָט דאָס קינד אירס
נאָר וואָס אָפּגעוואוינגן
שטיי איך איבער זיך געבויגן
און שאָקל מיטן קאָפּ:
נישט דאָס,
נישט דאָס
און גאָט ווייסט
צי ס׳וועט דערפון
נאָך עפּעס ווערן . . .

אויסדערוויילטער נאַר

דער קלוגער האָט שאַרפקייט.
דער נאַר דער אויסדערוויילטער
האָט אַ טראָפּעלע ליכט.
אַזוי האָט גאָט געוואָלט,
אַזוי האָט ער באַדאַרפט —
גנאָד צום אויסדערוויילטן נאַר —
זיין ליכט.

בענק איך נאָך דיר, מיין ליכטיקער נאַר.
כ׳דאַרף דיך נייטיק, מיין ליכטיקער נאַר.

פאַרוואָס זשע,
פאַרוואָס פאַרטייעסטו דיין ליכט פון מיר,
דו נאַר?

ביסט ניט קלוג,
ביסט ניט שאַרף.
אָן ליכט, מיין ליכטיקער,
ביסטו בלויז
אַ נאַר.

צום געבוירנטאָג פון אַ זילבער ווייסן דיכטער

איך נייג זיך צו דיין ווייסן קאָפּ,
מיין פריינט.

ס'איז שווינד-און-שווינדער צייט;
ס'איז ווינד-און-ווינדער צייט
נאָר אין דיין ווייסקייט, ווייסער פריינט,
זויבערט, שימערט, שיינט
אַ בענטשונג
היינט.

איך נייג זיך צו דיין ווייסן קאָפּ,
מיין פריינט

און בין באַהעפט
ווי צווייג מיט צווייג פון שכן-בוים
וואָס ווערט פון זאַפטן אייגענע גענערט —
מ י ר
די פרייד געהערט
פון בלעטער-שפּיל
אין שאָטן-קיל,
אין שטילן שטיל
פון דיין
טראַנק-
וויל.

איך נייג זיך צו דיין ווייסן קאָפּ,
מיין פריינט.

דיין אויפגערוימטער בליק באַגלייט
דעם בעכער אין מיין האַנט;
פּאַרציסט אַ ברעם ביים כוס-אַן-כוס-געקלאַנג.
ס'האָט ווער דיין ליד צעפּלאַטערט אין געזאַנג.
טוסט אַ וויג זיך און
דו שמייכלסט עפּעס באַנג,
עפּעס אַזוי
באַנג.

ווי לינד דיין ווייסקייט איז,
מיין פריינט.
ווי דורכזיכטיק
ביסט היינט.

באַוואוסטע און באַוואוסטער

בלאַנקע רו אין אויג
האָט האַרמאָניש זיך געוויגט צום ווייסן בלאַנק
פון וואַנט
און גאָרנישט ניט געפילט,
און גאָרנישט ניט געזאָגט.

אַלדאָספּילן האָט אין גאָרנישטניט זיך אויסגעטריפט
און אָפּגעטריפט.

נאָר אומגעריכט
האָט סילועט אויף וואַנט געבראָכן זיך אין שריפט.
אַזאַ מאָדנע שריפט

ט'אָרים געטאָן די דורכזיכטיקע פילם שלוה
און צעשטערט.
אין טראַנס פאַרטייעט אויפמערק האָט ביטער,
ביטער זיך געווערט.

געהער האָט פאַרקניפּט זיך מיט דינינקן, דינינקן זום
פון אַ פליג —
און אונטערבאַוואוסטזיין
געהאַט האָט אַ זיג:

ס'האָט באַוואוסטע און באַוואוסטער פאַרוים זיך געשיפּט
און
פון בלאַנק אויף דער וואַנט
רעציטירט דאָס געשריפט.

וואו איז מיין פעטער פיניע

מיין פעטער פיניע
איז אין ארגענטינע
און איך בין אין אמעריקע.
פאר איך פון אמעריקע
אזש קיין ארגענטינע
זיך זען מיט פעטער פיניע.

שוין אזוי פיל יארן
מיר זיינען זיך צעפארן.
ווי שטויבעלעך צעבלאזן
מיטן ווינט געלאזן;
ווי שפענדלעך אויפן וואסער
פון א שטראם געטראגן —
פארטראגן פעטער פיניע
אזש קיין ארגענטינע.

פאר איך, פאר איך נעכט און טעג.
— וואס ציט זיך אזוי אויס דער וועג?!
טרייסטן מיך די גוטע לייט:
זע, ס'איז שוין גאר ניט ווייט.
נאך א שעה און נאך א שעה
און — אט זיינען מיר שוין דא.

נעם איך זוכן גאַסן, טירן,
בעט, מיך צו מיין פעטער פירן.

אַך! אַט איז שוין פעטערס הויף!
פעטער פיניע! עפן אויף!

הער איך ווי פּאַנטאָפל שאַרן,
קען איך זיך שוין נישט דערהאַרן.

נעמט אַ האַנט די קליאַמקע טאַפּן,
הייבט דאָס האַרץ מיר אָן צו קלאַפּן.

ערשט, איך גלויב ניט מיינע אויגן:
כ'שטייט אַ זיידע איינגעבויגן
און ער פרעגט מיך: ווער? פון וואַנען?
און ווי ער וואָלט זיך וואָס דערמאַנען
ציטערט ער אינגאַנצן אויף
און וואַרפט זיך אויף מיין האַלדז אַרויף.

האָב איך זיך אַזוי דערשראָקן!
זאָג איך צו דעם זקן:

איך האָב אַ פעטער פיניע
דאָ אין אַרגענטינע.

ער איז אַ יונג מיט ביינער,
אַ הויכער און אַ שיינער,
פלייצעס האָט ער ברייטע,
האָר און פּאות רויטע,
פלינק איז ער ווי וויכער
און זיין טראָט איז זיכער.

ענטפערט מיר דער זקן
אויך אויף טויט דערשראָקן:
ער האָט געהאַט דאָ שווערע יאָרן
איז דיין פעטער אַלט געוואָרן.

לויף איך אום אויף אַלע וועגן
און איך טו ביי יעדן פרעגן:

ווער האָט געזען מיין פעטער פיניע
ערגעץ דאָ אין אַרגענטינע?!

זומער

I

מיט איין שפרונג
אַ יעגער לייכט און יונג
בינדט אָרעמס
הינטער רוקן
ווי פליגל פון אַ גאַנדז
און פינגער זיינע צוקן, צוקן
אַרום האַלדז —
דער אויסגעבויגטער פלאַש.
ליפן האָבן אויפגעשלאָסן מויל
אַ ברונעם יי״ש.

II

ס׳האָט זיך צעקלונגען מיין לוסט
מיט פרייד פון קינד וואָס
בייסט דאָס ערשטע ציינדל איין
אין מאַמעס ברוסט.

נאָר ציטער וואַכט
ביים ראַנד פון אויפגערייצטע טיפן —
ערגעץ אין אַ בלויער נאַכט
קרייצן מיינע שיפן.

אָ ק ט אָ ב ע ר

I

וואָלט ווער ארומגענומען מיר מיין האַלדז
וואָס איז אין פיין פאַרוואָרפן.
אַזוי מאַטערט זיך אַ פויגל
פון קינדס אַ שטיין געטראָפן.
און קינדער־הענטלעך בענקען,
רייסן זיך צו שפּיל
ווי צום קופּער אינדערלופטן
ס׳רייסן זיך די גלידער מיינע
און ווייגען שטיל.

דיינע קופּער־שווערדלעך פליען און פאַרוואונדן.
ציטערט אויף די ביימער־שפּיצן
קרעכץ פון מיינע וואונדן.
האָט די ערד אַליין זיך שוין דערשראָקן
און ציטערט
ווי אַ זינדיקער
ביים קלאַנג פון גלאָקן.

II

אַלע פֿאַרבן צינדן
נויט.
איך
אין בלעטער גאָלד,
איר
דאַרפֿט ברויט.

אַלע פֿאַרבן
שרייבן, מאָלן
הונגער.
בלעטער גאָלד,
בלעטער בלוט
אין קראַמף פֿון מיינע פֿינגער.

III

איך בין ערד.
אַ ריז אַ בלינדער איינגעשמידט אין קייטן
בין איך
גרויסע, גוטע ערד.
און איבער מיר
די ביימער — מיינע קינדער
ציטערן און וויינען.
איבער מיר
די ביימער — מיינע קינדער
שעמען זיך און האָבן מורא.

אוי,
די קינדער מיינע זיינען הוילע!

אין פאַרק

צוויי עלנטן,
צוויי אַלטע הענט
האָבן זיך פאַרפלאָכטן,
האָבן זיך דערקענט.

ווייכע שטולן,
בילדער אויף די ווענט
האָבן לאַנג שוין איינגעזאַפּט
אי טרוים, אי בלענד.
דער פּאַרק איז שאַטנדיק און שטיל,
שלעפערט זיך אַ שלומער אויפן באַנק
באַנג.

זכרון טונקלט,
פלאָנטערט אום אַ בענקעניש,
אַ רמז אויף געדענקעניש
פון עפּעס וואָס איז גאָר ניט שיר
דאָך אַזוי פיל אָן אַ שעור,
אָן אָן עק
שרעק.

און אין לעצמן שפּור
ביים אויסלאָז פונם שנור
וואַכט
אַן עלנטערער,
עלנטערער
עלנט.

דאָרט איז פאַראַן אַ בליק אַזאַ
אפילו ביי דעם בלינדן
וואָס זוכט אַן עמעצן זיך בינדן.
ס׳איז אַן אָטעם־צי פאַראַן
ביים סאַמע סוף פון טליען
וואָס זוכט
צו עמעצן זיך ציען —
אוי לאָמיר זיין אין צווייען,
אין צווייען.

צוויי עלנטן,
צוויי אַלטע הענט
האָבן זיך פאַרפלאָכטן,
האָבן זיך דערקענט.

טריאָלעטן

מ י י נ ע װ ע ר ט ע ר

מיינע װערטער ניט געשפּאָרטע
בלאָנדזשען אום און שעמען זיך.
אַרויסגעשיקט זיי ניט געפּאָרטע,
מיינע װערטער ניט געשפּאָרטע
און איך — פון זיך אָן אָפּגענאַרטע
װיים אַז ערגעץ זוכן מיך
מיינע װערטער נים געשפּאָרטע
װאָס בלאָנדזשען אום און שעמען זיך.

געבונדן

אין אַ ווייסער פּאַסמע זייד
ליגט מיין ליידנשאַפט געבונדן.
ביים איך פעדעמלעך פאַרשייט
פון אַ ווייסער פּאַסמע זייד
און ביזן ביין דאָס לייב צעשנייד,
דאָך זינג איך קושנדיק די וואונדן:
אין אַ ווייסער פּאַסמע זייד
ליגט מיין ליידנשאַפט געבונדן . . .

פ ר י י ד

פרייד — מיט פינגער־שפּיצן קוים גענומען.
עפּעס האָב איך מורא, ווייסט איין גאָט פאַר וועמען.
טרייסט מיך היינט און זאָג ס׳איז מיר געקומען
פרייד מיט פינגער־שפּיצן קוים גענומען
און אַז סי זאָל מיר וואויל באַקומען
וועט מיין פּנים אין די הענט ביי דיר זיך שעמען,
פאַר פרייד מיט פינגער־שפּיצן קוים גענומען.
עפּעס האָב איך מורא, ווייסט איין גאָט פאַר וועמען.

פאַרשניטן אַ קוק

דו האָסט מיר אַ גלעזעלע משקה דערלאַנגט
און האָסט מיר פאַרשניטן אַ קוק אין די אויגן.
כ'האָב קוים זיך פאַרנייגט און אַזוי דיר געדאַנקט.
דו האָסט מיר אַ גלעזעלע משקה דערלאַנגט
פונקט דעמאָלט ווען איך־פרייד אין מיר האָט געצאַנקט.
אַ זיסן פאַרוואורף האָבן ווייעס פאַרצויגן
ווען דו ס'טו מיר אַ גלעזעלע משקה דערלאַנגט
און האָסט מיר פאַרשניטן אַ קוק אין די אויגן.

איר איידלקייט

איר איידלקייט — זילבער־שימער אין דרעמלענדיקן פּאַרק
און מיאוסט זיך אַ ברודנע האַנט צו האַלטן.
אַליין, ניט איינמאָל שוין געפּירט אין מאַרק
איר איידלקייט — זילבער־שימער אין דרעמלענדיקן פּאַרק
און געבן נעמט זי אָן רו ביי יענעם אויפן קאַרק
און ס'זוכט אפילו ניט דאָס פּנים צו באַהאַלטן
איר איידלקייט — זילבער־שימער אין דרעמלענדיקן פּאַרק
וואָס מיאוסט זיך אַ ברודנע האַנט צו האַלטן.

פ ר ו ם

פרום ווי אין תפילה זיך געצויגן
אין אַ פאַרקנעפלט שוואַרצן קלייד —
נאַקעטקייט שאַרף און דין אַזוי געבויגן.
פרום ווי אין תפילה זיך געצויגן
און אַלץ געזען מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן.
אָן אויסגעפרואַווטער חלף אין אַ שייד
האָט פרום ווי אין תפילה זיך געצויגן
אין אַ פאַרקנעפלט שוואַדצן קלייד.

מיין קלוגע שעה

מיין בלוי שטילע, מיין שטאָל שטרענגע, מיין קלוגע שעה,
כאָטש כ׳זע דיך אַזוי נאָענט ביי מיין מערב
בענק איך נאָך דיר. קיין מורא איז מער נישטאָ,
מיין בלוי שטילע, מיין שטאָל שטרענגע, מיין קלוגע שעה,
שוויגער דער יאָך פון ערב־קלוג, דאָס וועגן קאָן און פּרט.
מיט ליכטיקייט אין אויג וועל איך דיך זיין מקרב,
מיין בלוי שטילע, מיין שטאָל שטרענגע, מיין קלוגע שעה.
כאָטש כ׳זע דיך אַזוי נאָענט ביי מיין מערב.

שעמעוודיקע הענט

נעמען מיינע אָרעמס קיינעם ניט אַרום
און ס׳זיינען דאָך אַזוי פיל טייער מיר און ליב.
כ׳שעם זיך ביי דער נאַענטקייט אַזוי ווי אַ בעל-מום,
נעמען מיינע אָרעמס קיינעם ניט אַרום.
„קרוב״ וויל איך שרייען, איז דאָס שרייען שטום.
ס׳איז שעמעוודיק מיין גוטסקייט (עלנטער, פאַרגיב).
נעמען מיינע אָרעמס קיינעם ניט אַרום
און ס׳זיינען דאָך אַזוי פיל טייער מיר און ליב.

ווייט אַריבער

ליפּן האָבן דין געשמייכלט
ווייט אַריבער זיך און וועלט.
האָט אַ בייזע אויג געשטרויכלט.
האָבן ליפּן דין געשמייכלט:
„נאַר, וואָס דו האָסט אויסגעשכלט"
און ווי פון היילי‏ק ליכט באַהעלט
האָבן ליפּן דין געשמייכלט
ווייט אַריבער זיך און וועלט.

פֿריַען

אַ געליבטע ווייב

פון אירע ברעמען טריפן,
טריפן נאָך
טראָפּעלעך פאַרשפּעטיקטע חלומות.
ס'הויכט נאָך אויף איר לייב
דאָס ווארעמקייט פון בעט.
טוט זי מיטן האַנט דאָס קישעלע אַ גלעט —
שוין ש פּ ע ט .

נעמט איידל זי אַרום איר פּורפּורנער כאַלאַט;
שאַרכעט זיידן שטיל אין אויער איר אַריין:
נאָך אַ נאַכט אַזאַ
זאָלסטו זוניק זיין.
און דאָס פּורפּור וויקלט,
וויקלט זיך אַרום איר לייב.
מ י ד איז אַ געליבטע ווייב.

לויטערט זיך פאַר איר
דאָס וואַסער אין דער וואַנע.
ס'וואַרט און זויבערט זיך
דאָס זייף אין שיסעלע.
פּיעסטשען זיך די ביינער אירע
אין ווייכינקן כאַלאַט.
איז זי פ ו י ל אַביסעלע.

וויגן זיך פון בעט אַרונטער אירע פּיס —
צוויי העזעלעך אַנטלאָפענע.
אין אַ שורה ביי איר בעט
לעכצן, בענקען דריי פּאָר שיך
מיט מיילער אָפענע.
אַלץ און אַלע זיינען גרייט צו דינען אַ געצערטלט לייב.
מ י ד איז אַ געליבטע ווייב.

וואָס קען איך טאָן

וואָס קען איך טאָן?
שוין נישט איינמאָל
האָבן מיינע ליפּן מיד
דעם אַש אָוועקגעבלאָזן
פון אַ נעכטנדיקן צאַפּל,
און ווידער כאַפּ איך אויף מיט פרייד
לייכטע, גוטע רייד
ווי פייגלען הונגעריקע כאַפּן
חלה־ברעקלעך אויף,
וואָס קינדער וואַרפן ביי די פענצטער אָן.
און בליקן
אויפגעבליטע אויף מיין בוזעם
מאָלן אַלץ מיר אויף די באַקן רויטן מאָן.
וואָס קען איך טאָן —
מיר איז אַלץ נאָך ליב דער רעש —
מאָרגנדיקער אַש.
און מאָרגן —
מאָרגן וועל איך ווידער,
שוין געניטער
בלאָזן שטויב
פון היינטיקדיקן ציטער.

רייזלס ברויט איז שוואַרץ

רייזלס ברויט איז שוואַרץ.
רייזלס בעט איז האַרט
און רייזלס שלאָף —
אַ לאַפּע פון אַ בער
שווער.

טוט אַ פאַל דער גוף
אין אַ תהום אַראָפּ
אַ סנאָפּ.

און דער מאַן איז בייז.
און דער מאַן איז שלעכט.
הפנים
גערעכט.

רייזלס הויט איז גראָב.
רייזלס האַרץ איז דין
און דאָס דינקייט ווייס
אַז אַ מאַן
וואָס אַרבעט מיטן שווייס
מאָנט וואָס ער באַדאַרף.

וואָס זשע דען,
ער וועט זיך ביי איר בעטן?
די וואָס טראָגן קיין געפּרעסטע הויזן ניט
בעטן ניט,
צערטלען ניט
און גלעטן ניט
און זי
איז קיין גראַפיניע ניט.

רייזל ווייס
אַז ביי גראַפיניעס בעט מען זיך.
רייזל האָט געזען,
דורך שפּאַלטן פון אַ טיר געזען
ווי מע בעט.
געזען ווי מע ליגט ביי די פיס;
געזען
ווי מע ציט זיך ווי שלאַנגען;
געזען
ווי מע פאַלט אום אין פוך,
אין פוך און אין ווייכינקן לייוונט —
אַ וויכער פון טול און פון זייד
פאַרשייט
און, און
אַלץ איז ביי זיי אַזוי שיין.
ביי איר —
אַזוי פּראָסט,
געמיין.

רייזל חלומט צאַרט.
הלום בענקט און גאַרט
כאַטש אַ קוק אַ מילדס.
ניין.
זי וויל ניט פיל,
נאָר
ש ט י ל .

ווײנט דאָס שטיל אין איר,
ווײנט און ווײס
אַז אַ מאַן
וואָס אַרבעט מיטן שווײס
באַדאַרף אַמאָל
אַ ביטער טראָפּן
נאָכדעם
כראָפּן.

וואָס זשע דען,
ער וועט זיך ביי איר בעטן?
די וואָס טראָגן קיין געפּרעסטע הויזן ניט
בעטן ניט,
צערטלען ניט
און גלעטן ניט
און זי
איז קיין גראַפיניע ניט.

ס׳טוט מיר באַנג

אוודאי טוט מיר באַנג
וואָס דו ביסט ניט געווען דערביי,
ליבער דו,
ס׳איז געווען כדאי.
נו —
ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל
וואָס פאַרשווּענדעריש מיין שיינקייט זינגט זיך אוים.
וואָס קומט אַרויס?
ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל
וואָס פרעמדע כאַפּן אויף
מיין דימענט־שטויב.
גלויב!
איך האָב געמיינט פאַר דיר —
נאָך אַ פּויז, נאָך אַ ציר
און דו —
נישטאָ.
געטראַכט:
כ׳בין שוין דאָ
און שיין בין איך דאָך סיי־ווי־סיי
איז אפשר ניט כדאי
זיך שפּאָרן.
ס׳שטייען ניט די יאָרן.
נאָר
ס׳טוט מיר באַנג
וואָס ניט דו ביסט דאָס געווען דערביי.
ס׳איז געווען כדאי,
ליבער דו,
נו.

אומעטיק און גוט

שטיל אין הארצן וועל איך זינגען
צו די גרויסע, שווארצע רינגען
וואָס ס׳האָבן אומזעבאַרע פינגער
אַרום די אויגן מיר געמאָלן
אַז ס׳זאָלן
אייביק בלייבן אין זכרון
יענע אויגן
וועלכע האָבן אויסגעזויגן
פון מיין פנים מיר
דאָס בלוט
און געלאָזן מיך אַ בלאַסע
אומעטיק און
גוט.

גיטעלע מיטן געבענטשטן בויך

ס׳זויבערן אין בלוי די אַדערלעך אין גיטעלעס הענט.
ס׳איז גוט אַזוי האַלטן די איידעלע הענט פאַרלייגט
אויפן בויך דעם געבענטשטן,
און שעפּטשען ווי תּפילה די נעמען
פון זין מיט די ליכטיקע קעפּ.

פון אומעטום זינגט אַ געזאַנג איר אַריין:
— האָסט, גיטע, אַ בויך אַ געבענטשטן.
וויגט זיך גיטעלע פרום און מיט טראָפּ,
שמייכלט גיטעלע דין צום בויך אַראָפּ:
— געבענטשטן,
געבענטשטן,
געבענ —

אַז וויע פאַלט צו וויע צו
שיפּט גיטעלע אַריין אין לאַנגצוריקאַמאָל,
אַי, ווייט צוריקאַמאָל.

ס'האָבן פערד באַגלעקלטע אין דאָרף אַריינגעפירט
אַ טראָפּיש ביימעלע אַ יונגס,
אויף חידוש אַן אַנטיקעלע פון שטאָט
מיט זינג אין טראָט.
דאָס איז גיטעלע געווען,
לאַנג צוריק געווען.

גלעקעלעך און בעזש,
קאָרשן־צווייט און גערשטן־זאַנגען
און אָרעמס גוטע פון דעם בעסטן פון פּאַסעסאָרס זין.
יונג איז ער געווען.
שיין און שטאַרק איז ער געווען.
און זיין פאַרליבטע באַק געשמעקט האָט מיט יאַסמין.

אַגרעסן, מאַלינעס, אַקאַציע און עפּל;
באַרן, וויינשל, וויינפּערלעך און פלוימען.
ראַבינעס און קאַלינעס,
זשאַבעס אין די קאַליוזשעס,
ווינט
אין
קוימען.
ווערבע־צווייגן ווינן זיך, נעמען זיך אַרומעט —
או־אומעט.

און נאָכדעם,
און נאָכדעם געווען זיינען נאָכדעמס אַ סך.
טעג — ליידיקע קרוגן זיינען געקומען, געקומען
און גאָרנישט געבראַכט,
און איר גאָרנישט געבראַכט.

און ווייטער —
האָבן גיטעלעס אויגן געשטאַרט:
דאָס יונגינקע קעלבל אין הויף
ציט חיות פון וואַרעמען אייטער.
— נאָך, נאָך!
שטויסט רויטינקער קעפּל געדולדיקן בויך פון דער קו.
פּעל טוט אַ צוק און אַ כוואַליע מיט דאָרשט און מיט לעבן —
ס'איז גוט!
גיטע די אויגן מאַכט צו!

איז גיטע ביים קליינינקן פענסטער געשטאַנען
נים איינמאָל.
איר בליק האָט געעגבערט די ענדלאָזע ווייטקייט
דורך גלאָז וואָס פאַרהויכט האָט איר זיפץ:

— רבונו של עולם,
דו האָסט מיר געעפנט אַ קליינינקן פענסטער
אַרויס צו דער וועלט
נאָכדעם פאַרוואָרפן אַהער אין דעם העק
אַז מיין בליק זאָל זיך בינדן אין פליגל פון ווינטמיל
און וויקלען מיין בענקשאַפט אין רויערד פון ביימן.

איז אויב ס׳איז אויף אייביק מיין גורל פֿאַרבונדן
אין שויץ פֿון די פּלייצעס ביים דאָרפֿישן ייִד,
באַשער מיר אַ זון
און איך וועל ווי חנה די ווייב פֿון אלקנה
אים ווידמען,
אים ווידמען,
אים וויד—

אַלץ האָט גיטעלע שוין אָפּגעטאָן
און איז
אין גוטער, לאַנגער שבת־שטיל אריין.

פֿרידן דיר, גיטעלע מיטן געבענטשטן בויך!

וויגט זיך גיטעלע פֿרום און מיט טראַפּ,
שמייכלט גיטעלע דין צום בויך אראָפּ:
געבענטשטן,
געבענטשטן,
געבענ—

א י כ אָ מ ע

— איך, איך —
האָבן טריט אירע געזונגען אויף אַספאַלט.

ווי אַ לייכטער ווינטל דורך אַ לאָדן־שפּאַלט
האָט אין צימער זיך אַריינגעשאַרט
„איך”.

אַ געהיים
האָט זיך אין ווינקעלעך צעלייגט,
געצויגן זיך אַרויף די אומעטיקע ווענט
און שטילערהייט האָט „איך”
פון „זיך” זיך אָפּגעשיידט
און אין ציטערדיקער ווייסקייט זיך צעבלענדט —
איך!

אויגן האָבן זיך געטונקט אין בראָך פון קערפּער־שטראַלן.
ליפּן
זיינען זשעדנע
צו דעם לינקן אַקסל צוגעפאַלן —
איך!

הענט האָבן געשטייפט אַרום צעגליטן לייב.

ניט מאַן, ניט ווייב —
געבליפעט האָבן פינגער אויף ווייַנענדיקע ריפּן־ביינער.

אין אוממאַכט־וואָקל
און אין בראָך פון פאַל
איז קיינמאָל קיינער
ניט געווען
אַליינער.

שפיגל פנים

שפיגל־פנים!!!

ער איז ארוים
און הינטער זיך מיט האסט די טיר פארהאקט
און זי
געבליבן איז גאר אויסער.
אויף באק נאך הויערט ווארעמקייט
פון א האנט א גרויסער.

האנט אט ערשט געצויגן האט א פנימל ארויף:
באוווערט, באשערט.
אין גרויסער האנט האט פנימל געבלייכט
און זיך געווערט.

איבער פנימל קליינס,
איבער פנימל בלייכס
האט א פנים א גרויס זיך צעהעלט
און האט ליכט, און האט וועלט
און האט אטעם פארשטעלט.

רעזאָנאַנץ אין אויערן
קלינגט ווידער־ווערטער מילדע.
אויף בלאַסקייט פלאַקערט אויף
אַ רויז אַ ווילדע.

ווילדע רויז קאַלירן שפּילט קרעשטשענדאָ,
קאַלירן ברעכן זיך אין גלוסטן.
ווילדע רויז אין שטערן צינדט
צוויי לוסטן.

וועמעס אויגן שוועבלען פּעך?!
אוי וועמעס, וועמעס אויגן
עקשנען אַנטקעגן
עראָס־בויגן?!

קליינע הענט
צעשראָקענע צוויי טויבן־פליגל
ציטערן אַנטקעגן שפּיגל —
פּנים!!!

איך בין פרוי

איך בין די עקזולטירטע רחל וועמעס ליבע האָט באַלויכטן דעם וועג פון די רבי עקיבאס.

איך בין דאָס קליינע, שעמעוודיקע דאָרף-מיידל וואָס איז צווישן הויכע טאָפּאָלן געוואַקסן און זיך געריויטלט ביים „גוט מאָרגן״ פון ברודערס מלמד.

איך בין דאָס פרומע מיידל וואָס האָט זיך געבלייכט ביי דער מאַמעס ציטערדיקע פינגער אויף די אויגן אַנטקעגן די בענטשליכט.

איך בין דאָס געהאָרכזאַם כלה-מיידל וואָס האָט הכנעהדיק דאָס קעפּל אונטערגעטראָגן צום שער ערב חופה.

איך בין די אשת-חיל וואָס האָט זיך אונטערגענומען געבערן און שפּייזן פּאָר אַביסעלע צוגעזאָגט גן עדן-ליכט.

איך בין די אויסגעאיידלטע בת תלמיד חכם וואָס האָט מיט איר אָפּגעהיט לייב אַ שטאָט אַ יידישע מציל געווען און נאָכדעם מיט אייגענע הענט זיך אונטערגעצונדן.

איך בין די מאַמע וואָס האָט אונטער ענויים קשים ביז אין דער דאָר אריין, בנים מגדל געווען צו מעשים טובים.

איך בין די חסידישע טאָכטער וואָס האָט מיטן טאַנס התלהבות געטראָגן דאָס געשוירן קעפּל אין פּאָלק אריין.

איך בין די צוימען־ברעכערן וואָס האָט „ברויט און פרייהייט״ געטיילט און די ליבע באַפרייט פון אונטער חופה־שטאַנגען.

איך בין דאָס פאַרצערטלט מיידל וואָס האָט זיך הינטערן אַקער געשטעלט גרויען מדבר צו גרין לעבן באַצווינגען.

איך בין דאָס מיידל וואָס האָט אירע ווייסע הענט באַפעלן ציגל און שטיינער צו טראָגן צום אויפקום פון לעבן באַנייטן.

איך בין די ווערעם פינגער שטייפן אַרום רידל אין לויער פון טריט פון פאַרוויסטער.

איך בין די וואָס טראָגט פאַרעקשנט אַרום אַן אלף־בית אַ מאָדנעם און רוים אים אין קינדערשע אויערלעך איין.

איך בין אָט די אַלע און נאָך אַ סך, אַ סך ניט דערמאָנטע.

און אומעטום,
און אַלעמאָל
בין איך
פרוי.

איבער זיך געבוירן
(סאָנעטן-רינג)

א

באַשעפער, האָר פון אַלץ וואָס לעבט, וואַקסט און שטיינט,
האָסט מיר געפילן און פאַרשטאַנד געגעבן,
האָסטו מיט דעם מסתּם דערהויבן מיך געמיינט.
פאַרוואָס טוסטו אין סתירות מיך פאַרוועבן?

האָסט מיר געשענקט אַן עפּעמערן דויער
און מיט עולן אויף יאָרן מיליאָנען
מיך באַשווערט. פרייד פון זיין געמישט מיט טרויער,
און בענקשאַפטן כ׳זאָל איינשטילן ניט קאָנען.

קען זיין געווען איז אַנדערש דיין כוונה
נאָר ס׳איז דיין ליבלינג-ווערק דיר ניט געראָטן.
קען זיין, ווען דיך וואָלט ניט געדראָט סכנה
וואָלסטו אויף אונדז דיין פייער-באַרג צעשאָטן.

ס׳טוקלעניש אין מיר נערט גלויבער און פּושע.
דערליכטיק מיך! זע, כ׳בין אַליין זיך קשה!

ב

דערליכטיק מיך! זע, כ׳בין אַליין זיך קשה.
אוי, אָפטמאָל איז פרעמד מיין טואונג מיר אַליין.
כ׳מוסר זיך, כ׳האַלט אַ פייערדיקע דרשה
צו דעם ריינעם האַרץ וואָס קען אויך זיין געמיין.

כ׳האָב אָנגעצייכנט זיך דעם צדיקס וועגן,
איך פּרעפל יושר, דעם נביאס גרויסע רייד
טראָג איך אום אַלע אומרעכטן אַנטקעגן
און חלום פאַר דער וועלט דויערהאַפטע פרייד.

דאָך היטן מוז איך טראָט אין נעצן־פּלאָנטער,
וואָס וויקלט אויף מיין גאַנג אי בייז, אי שטרויכל.
דו שלאָגסט מיט בלינדקייט מיך ווען איך נען נאָנטער
צו זיך און טונקלען, טונקלען טוט מיין שכל.

בין איך תהומיק ווען כ׳האָב ליכטיק זיין געמיינט,
האָב איך שוין נישט איינמאָל איבער זיך געוויינט.

ג

האָב איך שוין נישט איינמאָל איבער זיך געוויינט.
וואָס די תפילהדיקע רגע פון מיין פריינט
האָב איך פאַרשוועכט, בייז פון איר אַרויסגעליינט
נאָכדעם זיך אַליין אין עצבות שיר פאַרפיינט.

ווי אָפט ס׳ליגט מיין קאָפּ פאַרשעמט מיר אויף די הענט:
די קלאָרקייט שפיר איך אין דינסטן גלאָקן־קלאַנג
נאָר ריינקייט אין אַ קול האָב איך ניט דערקענט,
אין אויגן כשרע געזען גרין פון שלאַנג.

גלויב, איך האָב פון פריסטער יוגנט אַלץ געשטרעבט
צו לויטערער מחשבה, גוטסקייט זייען.
הייליקן און בענטשן זאָל איך אַלץ וואָס לעבט,
ס׳זאָל מיין „גוט־מאָרגן" טרייסטן און דערפרייען.

נאָר ס׳טוט ניט שכינה׳ן איבער מיר די קדושה,
ווייי איז מיר, כ׳האָב דעם אָנבליק אינם רשע.

ד

ווײ איז מיר, כ׳האָב דעם אָנבליק אינם רשע,
ווי קען איך זיך פון חשדן אויסבאַהאַלטן.
וואָס איז דאָס פאַר אַ שולד אין מיר וואָס בושה,
יסורים, שמעלן מײנע אויגן־שפּאַלטן?

בלאָס, דין בין איך, ווײל איך נאָך דינער ווערן.
כ׳וועל זיך אַלײן אין פײן דעם סימן קריצן.
דאָס מינדסטע בײז אין מיר צו גוטס באַקערן,
אַז דער פאַרפאַלגטער זאָל אין מיר זיך שיצן.

ניט ציטער, האַנט, אין שיצן זוכערס ליכט־פּלאַם,
ניט ציטער, טראַט, צו אײגענער דערהויבונג!
זײט בײ זײט מיט מיר ישעיהס לײב און לאַם
נאָר ס׳יאושט שוין מײן חלום אין צעשטויבונג.

כ׳האָב פאַרטראַכט אַ ליכט־טורעם אין זיך בויען,
ווי קען איך, גאָט, די הענט מײנע געטרויען?

ה

ווי קען איך, גאָט, די הענט מיינע געטרויען?
כ׳האָב הענט אַ סך און אַלע אַנדערש ציען.
הענט געקריוודעטע ווערן רויבער־קלאָען,
הענט פאַרצערטלטע רייסן זיך צו פליען,

הענט אין אומטרוי שעמען זיך און זינדערן,
הענט פאַרליבטע טוען חלשן אויף קני,
הענט געגלויבטע שפּינען טרייסט און לינדערן,
הענט אין זקנה רונצלען, שלומערן אין מי.

האָסט אויף מיין קליינעם גוף זיי אָנגעהאנגען
אָט די אַלע מינים היפּכדיקע הענט.
זיי וויקלען מיר אי וואַגונגען, אי באַנגען
און אין צווייפל מיין נשמה ווערט פאַרלענדט.

כ׳ווייל די הענט פון טרייסט און ליב ביז משוגעת
הענט וואָסביילן זיך און צינדן זיך אין כעס.

ו

הענט וואָסביילן זיך און צינדן זיך אין כעס
ציען הויך נאָר זיי פאַקלען ניט קיין בשורה.
אַז בלויז ווענד צו פרייד און — צאָלן, צאָלן קנס —
איז שפּיצט זיך דין, איז שלייפט זיך שאַרף אַ גבורה.

הענט גאָרן רו נאָר טוען אומרו טראָגן
און פינגער צוקן טרוים אין שלאָף דעם שווערן,
קנעכלען קראַמפּן און טוען זיך באַקלאָגן:
— שוין אייביק בלויז מיט חלום-פרייד זיך נערן?

נאָר צום פויסט וואָס פאַכעט איבער מיר, זאָג איך —
גאָט העלף דיר, טרויעריקער, עלנד בלינדער.
ס'וועט ניט אויסלייזן דיין קלאַפּ ניט דיך, ניט מיך.
וואָר. ביסט זכאי, נאָר בין איך דען דער זינדער?

פויסט אַנטקעגן פויסט טוט אין אומגליק רויען.
ס'איז עלנד קעגן עלנד אין בלינדן וואָיען.

ז

ס'איז עלנד קעגן עלנד אין בלינדן וואיען
דער צארן אויפגעפלאמט אנטקעגן צארן.
און צארן וועט דאך קיינמאל גארנישט בויען
בלויז שנאה וואס מער שנאה וועט געבארן.

אפט העלט אויף אין מיר מיין זין:— ניט פיר דיין שטרייט
מיט דעם וואס איז מיט לעבן-צער געשלאגן.
דער אלשולדיקער איז אויסער ארט און צייט.
אומזיסט אנטקעגן מענטש א קללה טראגן.

קלאר דער אמת. כ'קוק צו אים ארויף שוין לאנג
דאך האט מיך ניט באפרייט דער קלעם פון נידער.
כ'שפיר א ליכט גייט אויף אין מיר און טוקט זיך באנג
און איבער איר א סם צעצינדט זיך ווידער.

— עבודה זרה! — אזוי שלאג איך מיין כעס
וואס טורעמט וויסט איבער מיר דעם געץ פון האס.

ח

וואָס טורעמט וויסט איבער מיר דעם געץ פון האַס
און שטאַרקט אַ וואָרט אַ חורבנ׳דיקס אין מיין מויל?
כ׳וועל זיך שיצן, הילן זיך אין שכינה־פּאַס
וואָס ציילט און וואָס רייסט צו מיר זיך פון פאַרהויל.

כ׳בין געבאָרן פון אַ דור וואָס האָט געבענקט
פון דור־דורות פריער נאָך צו שכינה־ליכט.
האָב איך אויך מיין האַרץ אין ליכטיקייט געשווענקט
און די בענקשאַפט טראָגן ווייטער זיך פאַרפליכט.

פאַראַן ביי אונדז אַזאַ צעפלאַמטער גלויבן:
איינער אַ געבענטשטער פון מיין גזעם טראַכט
וועט ראוי זיין צו שכינה זיך דערהויבן
און ניט בלינד ווערן ביים אויפדעקן איר פּראַכט.

זאָל דער גלויבן נאָך העלער אין מיר בליען.
ניט לאָז מיין האַרץ צו גרינעם שימער ציען.

ט

ניט לאָז, מיין הארץ, צו גרינעם שימער ציען
איינאיינציק פעדעמל אין מיר. שטרענג באהיט
דער פונק געצערטלטער זאָל תמיד גליען,
שלוה׳ן איבער אַלץ מיין ליכטיקן געמיט.

איך האָב אין מילדקייט זיך געאיבט אַ שמייכל,
וואָס זאָל אַנקערן מיר צוטרוי אין מיין בליק.
דעם וואָס זינדיקט קעגן מיר זאָל איך זיין מוחל.
בלויז מיט גוטסקייט שמידן זיך צו מענטש אַ בריק.

צוגיין, פשוט זאָגן — טרויעריקער דו,
וואָס פאַנצערסטו זיך אָן און שלייפסט אַ שנאה?
איך פאַרמאָג אַ שטיקל לעבן וואָס זוכט רו
מער גאָר נישט וואָס זאָל וועקן אין דיר קנאה.

אַזוי וויל איך מיין הארץ צו מיטמענטש נויגן.
שפּין בלויע טרייסט אין בליק פון מיינע אויגן.

י

שפּין בלויע טרייסט אין בליק פון מיינע אויגן,
לעבן מיינס. אַזאַ טרייסט האָט געפלעגט, געוויגט
אין זיין אויג מיין טאַטע. אין מיר פאַרצויגן
האָט ער גאָר זיין בענקשאַפט. כ׳בין פון דעם באַזיגט.

זע איך אים נאָך יעצט אין טלית איינגעהילט
מיין שיינעם טאַטן, מיט גאָט אַזוי אינטים
האָט ער אַמאָל מיט אים אין רוגז זיך געשפּילט,
ניט געדאַוונט. בלויז געזיפצט צום אלקים.

אַ גאַנצן טאָג ניט גערירט ט׳ער זיך פון אָרט.
איך האָב אַרויפגעקוקט צו אים דערשראָקן.
נאָר געשטאַרקט האָט מיך זיין בליק ווען אָן איין וואָרט
ט׳זיין האַנט מיר ווייך אַ גלעט געטאָן די לאָקן.

יענער בליק טוט נאָך היינט אַרויף מיך ציען
ווען ס׳גליט עפּעס אין מיר, וואָס ברעכט זיך קניען.

יא

וועו ס'גליט עפעס אין מיר וואָס ברעכט זיך קניען,
נידערן, זינקען אין בלענדנדן געדריי
ווי ס'טוט דעם אומגליקלעכן מידן ציען
פאַרפירעריש צו איינשלאָפן אין פוך פון שניי.

טו איך ווערן זיך און רייס אויף די אויגן
צו אַ ווייטן קול וואָס מאָנט „מיין ליכט ניט שענד!
קינד מיינס, דאָס איז די רו פון ניט געשטויגן.
נישט דאָ! וואָס דו זוכסט איז ווייט אַריבער בלענד".

ווייט אַריבער בלענד און אויך זיך אַריבער,
אַזאַ שווערער, אומבאַקאַנטער שטרויכל-גאַנג!
מיין דמיון מאָלט מיר טונקלעניש און גריבער
און איך צאַפּל זיך אַנטקעגן איכה-קלאַנג.

טאַטע זיסער, ניט לאָז מיין נאַקן בויגן
צום געץ וואָס ט'אָרום מיר אַ שטריק פאַרצויגן.

יב

צום געץ וואָס ט'אָרום מיר אַ שטריק פאַרצויגן,
מיין זיפץ. ער שניידט אין מיר אַ שווידער-ניגון —
„עס האָט אַ נאַר אויף חלום דיך דערצויגן
נאָר ס'טוט דעם חלום קיינער מער ניט וויגן.

ניט איי, ניט ליו טוט דאָס וויגעלע היטן;
תורה-בעסטע-סחורה-טרוים ט'זיך אויסגעדינט
און נאָכדעם אַלע שטריקלעך אָפּגעשניטן
און דאָס וויגעלע פאַרוואָרפן אויפן ווינט".

אַזוי האָגלען איבער מיר די דאָרן-רייד
און עפּענען נאָך ברייטער פאַר מיר תהומען.
פּלוצלינג שטאַרקט זיך איבער דעם אין מיר אַ פרייד
אַן אומבאַקאַנטע, כ'ווייס נאָך ניט איר נאָמען.

נאָר איך דעראָן זי. דאָס איז מיין רעטונג-שטראַל.
איבער חשכות ברונעמט אין מיר ליכט אַ קוואַל.

יג

איבער חשכות ברונעמט אין מיר ליכט אַ קוואַל
אויפגעשפּילט אין טענער. כ׳בין אַ צויבער־פּלייט,
וואָס פאַרוואָרפט דעם האַלדז אַרויף צום אויסלייז־שאַל
פאַרבענקט. פלוצלינג טוט אַ ריס זיך און פאַרגייט.

ווער פייניקט מיך!? אַ געהיימע האַנט איך שפּיר
קרייצט יעדן טראַט מיינעם אויף גרייכונג שטאַפּלען.
כ׳זע דעם טורעם און דערקלעטער ביז שיר־שיר
דאָך בלייב איך ביי דעם לעצטן טרעפּל צאַפּלען.

מיין עקסטאַז אין שטייגן ניזוקט, וואונדיקט מיך
און קירצט מיין יעדע פרייד אויף אַן אויגנבליק.
כ׳שמאַך ביים פידל־טאָן וואָס לאָזט זיך אוים צו גיך.
ס׳איז שוין פאַראַן דער טעם פון טויט אין ערב־גליק.

האַלט דאָס העכסטע גליק זיך אויף אין דעם פינאַל?
ווי, כ׳שטיי איבער זיך אַ דאַרשטיקער טאַנטאַל.

יד

ווײ, כ׳שטײ איבער זיך אַ דאָרשטיקער טאַנטאַל.
אַזוי האָט מײן טאַטע בײ דעם קין געדאָרשט.
כ׳האָב געזען אַ פרייד זיך שטאַרקן איבער גאַל
ווען ער׳ט פיבערדיק געגרויט זיך און געפּאָרשט.

איז דאָס דײן האַנט וואָס פּלאָנטערט מיר מײן טראַכטונג,
גאָט, פאַרוואָס זשע איז אין מײן פאַרצווייפל־שעה
צו זיך פאַראַן רחמנות און פאַראַכטונג
נאָר פאַר דיר אַ קללה איז בײ מיר נישטאָ? . . .

ביסטו נישטאָ? . . . אָ, האַרץ מײנס, ביסט באַעולהט
ס׳איז קיין זאַך דיר ניט געגעבן ביז גענוג.
פון אייביק אָן האָט קאָפּ גע׳הכל־הבלט
די יצירה איבער דיר ברוטאַל און קלוג.

שטוינט מײן נאַריש פּנים אין אַ טראַנס־געשפּין
און איך ווייס ניט וואו פון דאַנען איז אַהין . . .

טו

באַשעפער, האָר פון אַלץ וואָס לעבט, וואַקסט און שטיינט,
דערליכטיק מיך! זע, כ׳בין אַליין זיך קשה.
האָב איך שוין ניט איינמאָל איבער זיך געוויינט:
ווי איז מיר, כ׳האָב דעם אָנבליק אינם רשע.

ווי קען איך, גאָט, די הענט מיינע געטרויעז,
הענט וואָסביילן זיך און צינדן זיך אין כעס?
ס׳איז עלנד קענן עלנד אין בלינדן וואָיעז,
וואָס טורעמט וויסט איבער מיר דעם געץ פון האַס.

ניט לאָז מיין האַרץ צום גרינעם שימער ציען,
שפּין בלויע טרייסט אין בליק פון מיינע אויגן
ווען ס׳גליט עפּעס אין מיר וואָס ברעכט זיך קניען
צום געץ וואָס ט׳אַרום מיר אַ שטריק פאַרצויגן.

איבער חשכות ברונעמט אין מיר ליכט אַ קוואַל.
ווי, כ׳שטיי איבער זיך אַ דאָרשטיקער טאַנטאַל.

א י נ ה אַ ל ט

מ י י נ ע י אָ כ ן

מיינע יאָכן — — — — — — — — — 5
צו דיר, מרים — — — — — — — — — 6
וואָס זאָל איך זיי דערציילן — — — — — — — 8
מיט ציין אין ערד — — — — — — — — 12
צו אַ יידישן בנין — — — — — — — — 14
נאָוועמבער 29, 1947 — — — — — — — 20
פּאַרוואָס שעלט איר מיין יידיש הויז, פרעגט אהרן 21
מיר פאַר אייך, יידישע קינדער — — — — — 23
מאַמעס ביי די באַנען — — — — — — — 26
אַ בריוו צום זון אויף דער מלחמה—1945 — — — 32
איך לאַך אַמאָל — — — — — — — — 34
וועסט קומען מיט גאָטס הילף צוריק — — — — 37
מיט דיר, מענטש — — — — — — — — 40
געקרייציקט — — — — — — — — — 41
אוי אַ גנב — — — — — — — — — 44
דאָס איז די זאַך — — — — — — — — 45
ווי זינדיק איך בין — — — — — — — — 48
אין רעטראָ — — — — — — — — — 49
צו אַ יינגעלע — — — — — — — — 50
צעשטראָלונג — — — — — — — — 52

א י ך ט ו ר ו פ ן

אֵיכה — — — — — — — — — — 56
ערד, מיין אייגענע — — — — — — — 57
דער אָבל — — — — — — — — — — 59
זון און רעגן — — — — — — — — — 60
איר דעמב — — — — — — — — — — 61
ווי אַזוי ביסטו קלוג געוואָרן, מאַמע — — — — 62

שפורן

שפורן — — — — — — — — — — 66
גאָט ווייסט — — — — — — — — 68
אויסדערוויילטער נאַר — — — — — — — 69
צום געבוירנטאָג פון אַ זילבער ווייסן דיכטער — 70
באַוואוסט און באַוואוסטער — — — — — 72
וואו איז מיין פעטער פיניע — — — — — 73
זומער — — — — — — — — — — 76
אָקטאָבער — — — — — — — — — 77
אין פאַרק — — — — — — — — — 79

טריאָלעטן

מיינע ווערטער — — — — — — — — 82
געבונדן — — — — — — — — — 83
פרייד — — — — — — — — — — 84
פאַרשניטן אַ קוק — — — — — — 85
איר איידלקייט — — — — — — — 86
פרום — — — — — — — — — — 87
מיין קלוגע שעה — — — — — — — 88
שעמעוודיקע הענט — — — — — — — 89
ווייט אַריבער — — — — — — — — 90

פרויען

אַ געליבטע ווייב — — — — — — — — 92
וואָס קען איך טאָן — — — — — — — — 93
רייזלס ברויט איז שוואַרץ — — — — — 94
ס'טוט מיר באַנג — — — — — — — 97
אומעטיק און גוט — — — — — — — 98
גיטעלע מיטן געבענטשטן בויך — — — — 99
איכאָמע — — — — — — — — — 103
שפיגל פנים — — — — — — — — 104
איך בין פרוי — — — — — — — 106

איבער זיך געבויגן (סאָנעטן רינג) — — — — 110